STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03643

MAYN RAYZE IBER SHPANYEN

Sholem Asch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

געזאַמלטע שריפטן

נײַנצנטער באַנד

פֿאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע

שלום אַש

מיין רייזע איבער שפּאַניען

פאַרלאַג „קולטור־ליגע", ווארשע

Printed in Poland

SZOŁEM ASZ — SZRIFTEN

Copyr. by Sholom Asch. New-York

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלארן

Wyd. „Kultur-Liga", Warszawa 1930

Druk. „Di Welt", W-wa, Nowolipie 7



דער אָקסען-קאַמף

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אָנהויבען מיינע בעשרייבונגען
פון שפּאַניען מיט עפּעס אַנדערש — מיט טאָלעדאָ, מיט קאָרדאָווע,
סאַראַגאָסאַ — אָבער דאָס וואונדערבאַרע, אין אַ מעשה פון-אַלטע-
צייטען-פערוועבטע גראַנאַדאַ — דאָס הייטיגע שפּאַניען האָט מיך
ווי אַ שפּין אַריינגעוועבט אין איהרע כשוף׳ס. איך בין געפאַנגען. יאָ
איך בין זיך מודה, עס האָט מיך געפאַנגען דער דורכדרינגליכער
אונפערגעסליכער בליק פון די אייל-בעשמירטע אויגען פון די הייב-
טיגע שפּאַניערינס, אַ בליק, וואָס פערבלוטיגט דיך ביז צו וועה-
טאָגען און אונפערגעסליכקייטען. עס רוקען זיך אָב ווי אַלטע שאָ-
טענס, יענע גרויסע געשטאַלטען פון מיין שפּאַניען׳ פון דעם שפּאַ-
ניען, וואָס זינגט אין מיין כלות. דאָס שפּאַניען פון קאָרדאָוואָ,
פון אַב-דאָל ראַהמאַן דעם דריטען, מיט זיין שאַץ-מײַסטער חסדאי
איבן שפרוט. איך לאָז פאַר אַ מייל וואַנדלען אין די טונקעלע
געסלעך פון קאָרדאָוואָ, גראַנאַדאַ, סעווילע, בעוועבט אין די שאָ-
טענס, די יהודה הלוי׳ס, אבן עזרא׳ס, און דעם גרעסטען פון אַלע,
שלמה איבן גבירול, און גיב זיך איבער אַ פערלוירענער, אַ אונטער-
געגעבענער אונטער דעם רייץ. אויסגעהאַקטענע שפּאַנישע שאַלען,
האָרישע פערפום-געשמאַקען, וואָס וועבען זיך אַרויס פון די פאַל-
דען פון די רייך-אויסגעהאַפטענע שאַלען, האָבען מיך פערשיכור׳ט,
און די וואונדען-שטעכענדיגע בליקען פון די אייל-בעשמירטע אויגען
האָבען מיך איינגענומען און אונטערטעניג געמאַכט — צו מיין
שונא, צו שפּאַניען פון היינט — צום אָקסען-קאַמף.

איך האָב בייגעוואוינט אַן אָקסען-קאַמף און איך בין שכור
פון בלוט.

זיטען, געזעצען, קייטען געשפּאַנט פון טויזענדער יאָהרע איבער מיינע ליידענשאַפטען דורך עטישע דינים — פערקערפּערט אין לעבען פון דורות און דורות — זענען צערונען ווי שפּינוועבס — עס האָט זיך ערוועקט אין מיר דער פּרימיטיווער מענש — דער ווילדע מענש, דער מענש פון אבר בעל־חי —

איך האָב געזעהן בלוט, איך האָב געשמעקט בלוט.

גרויס איז די אַרענע — אַ וועלט, אַלעס, וואָס לעבט און עטעמט און געפינט זיך אין היינטיגען לעבען — געפינט זיך דאָ אין דער אַרענע. — די, וואָס זענען פון דרויסען, עקזיסטירען נישט. הונדערטער, טויזענדער, צעהנדליגער טויזענדער — אַלע, ווי ווייט דיין אויג דערגרייכט: מענשען, פּנימער, אויגען, לייכטענדע שטערענס, שוואַרץ־בלישצענדע האָר — און קאָלירען, און קאָלירען, קאָלירען פון רויט אויסגעגאָסען איבער אַ שוואַרצען ים. צימרענט־ברוינע קאָלירען פון נאַקעטע אָרעמס, פּלייצעס, נאַקעטע ברוסטען... קאָלירען פון שפּאַנישע שאַלען, רויטע בענדער פערפלאָכטען אין שוואַרצע האָר, רויטע טיכער, רויטע מאַנטלען, פלאַטערנדיג אין די הענד פון די „כאָנדערעללעס", בליצען־שטראַהלען פון שוואַרצע אויגען — אַ רעגען פון פּערל און שפּיצען. עס שוימט אַ ים פון שפּיצען ווייס און שוואַרץ. שפּיצען, וואָס הילען־איין לייבער, וועלכע האָבען דעם קאָליר פון נאַכט־פּיש, שפּיצען, וואָס שווימען איבער שוואַרצע האָר, איבער טונקעל־ברוינע נאַקעטע ברוסטען און נאַקעטע נאַקענס — און פון זיי בלישצען־אַרויס אייל־בעשמירטע בליקען פון אייל־בעשמירטע אויגען...

עס שטורעמט אַ ים פון ווייסע טיכלעך פון דער שוואַרצער בעקליידעטער מאַסע, ווי ווייסע שוימענדיגע וועלען קומען אַרויסצושווימען אויף אַ ברעג. דאָס האָט זיך זיין מאַיעסטעט דער קעניג בעוויזען אין זיין לאָזשע, בויגענדיג מיט גנאָד זיין איידעלע קראַנקע האַנד צו זיין אונטערטעניג פאָלק פון אַ פענסטער פון זיין לאָזשע, וואָס איז געשניצט אין דעם סטיל פון דער אַ ל ה אַ מ ב ר אַ, אונטערטעניג איז דאָס פאָלק פון שפּאַניען צו זיין מאַיעסטעט דעם קעניג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָלק פון ריטער און שקלאַפען, בלוט פון קאַוואַלערען, בלוט פון דאָן־קישאָט׳ס און דאָן זשואַנ׳ס. ע

בלאָזען אויף די זאַקפייפען די מוזיקאַנטען דעם אַלטען נאַציאָנאַל ע
הימן, עס רויטלען זיך די היט פון די זשאַנדאַרמען — דאָס פאָלק
יובעלט, האַנד־קלאַטשערייען, גאָרגעלשרייען פון די סיניאָריטעס,
ענטוזיאַסטישע רופען פון די קאַוואַלערען.

עס שטילט זיך איין דאָס ׳פאָלק. די מוזיק גיט דעם צייכען און עס פראַלט אויף אַ טויער. עס רייטען צוערשט אויף ווילדע פערד אַרויס די אַלטע לאַנדס־קנעכט, מיט רויט־בלויע פעדערען בעפוצטע העלמען, אין שוואַרצען אָנגעטהון. זיי פיהרען־אָן דעם צוג. פון ביידע זייטען צוג רייטען אויף די פערד די „פיעדאָרען". דאָס זענען די קעמפער אויף פערד, מיט פיקעס אין די הענד. ד פערד זענען פעראורטיילט אויפגעשטאָכען צו ווערען אויף די שפיציגע האָרענס פון די ווילדע שטירען. קיין איין פערד וועט היינט נישט אַרויסקומען לעבעדיג. זיי ווייסען דאָס. די אָרימע פערד, און לאָזען הענגען זייערע קעפ מיט טרויער און אומעט, ווי זיי וואָלטען געמאַכט אַ חשבון הנפש, אין דעם ווילדען שפיעל פון בלוט.

דאַן קומען די „באַנדעריללאָס" (Bonderilleo s) זיי זענען די, וואָס האָבען די אויפגאַבע צוצוגעהן נאָהנט צום ווילדען ביק און אַריינצושטעכען אין זיין רוקען האַקעס, אָנגעבונדען אויף לאַנגע שטעקענס. די האַקעס לאָזען זיך טיעפער אַריין אין דעם לייב פון ביק און צערייצען די חיה, ברענגען זי אַריין אין אַ ווילדען עקסטאַז און ציהען אַרויס פון איהר די גאַנצע ענערגיע צום קאַמף.

זיי זענען אָנגעטהון, די „באַנדעריללאָס", אין זילבערנע קאַפטענס, אין שמאָלע טריקאָטענע הויזען און בעהאָנגען מיט רויטע מאַנטלען. דאַן קומען די געטער אַליין, די אויסדערוועהלטע פון פאָלק, דער שטאָלץ און די פראַכט פון דער נאַציאָן, די פערקערפערונג פון אַלטען שפאַנישען ריטערטום — דאָס זענען די „עספאַדעס" (Espados) פון וואָרט שפאַדע. זיי זענען דאָס די, וואָס מאַכען פאַר׳ן אָקס מיט׳ן רויטען טוך און שטעכען ענדליך אַריין די שפאַדע אין רוקען פון אָקס אַזוי טיעף, אַז זי דערגרייכט צום הארץ, און טויטען דעם אָקס. זיי זענען אָנגעטהון אין גאָלדענע קאַפטענס, מיט רויטע זיידענע מאַנטלען בעהאָנגען. צווי זענען זיי

אַן־עלטערער און אַ יונגערער. בײדע דין און אײדעלע, פיגורען װי שפּיזען. אַז דאָס פאָלק דערזעהט זײ, װערט עס װילד פאַר פרײד און ענטוזיאַזם. די סעניאָריטעס װאַרפען צו זײ בלומען און זײערע פערפום־שמעקעדיגע טיכלעך. די מענער פאָכען מיט די היט. די „עספּאַדעס״, שטאָלץ און ריטערליך אײנגעהילט אין זײערע רויטע מאַנטלען, קוקען זיך נישט אום אויפ׳ן פאָלק. מיט געהויבענע קעפּ געהען זײ אין צוג. עס קאָן זײן, אַז עס איז זײער לעצטער גאַנג קײנער פון זײ שטאַרבט נישט מיט קײן נאַטירליכען טויט. קײנער פון זײ װערט נישט גענוג אַלט — צו שטאַרבען. אַלע טאַנצען זײ. פריהער, װער שפּעטער, אויף די האָרענס פון ביק. נאָר הײנט איז דער טריאומף, הײנט איז דאָס שפּיעל, הײנט איז דאָס לעבען...

שטאָלץ געהט דער צוג דורך דער אַרענע, ביז ער קומט־אָן צום קעניג׳ס לאָזשע. מיט אײן קניע אויף דער ערד שטרעקען זײ אויס די רעכטע האַנד צום קעניג, אַלט־ריטעריש, װאַרטענדיג אויף אַ גנעדיגען שמײכעל. װער ס׳האָט זוכה געװען, דער געהט אַ גליקליכער צום טויט...

אַלעס שטעלט זיך אויס אַרום דער אַרענע. אַ טיהר עפענט זיך, און אַ װילדער, שאַרף־האָרענדיגער אָקס קומט אַרויס מיט אַן־אַרויסגעשטרעקטער צונג און מיט אויפגעהויבענע האָרענס.

אַ מינוט בלײבט אַלעס שטעהן. דער אָקס קוקט זיך אַרום פערװאונדערט פון המון, װאָס ער דערזעהט, פון די רויטע קאָלירען, װאָס פאָכען צו איהם פון אַלע זײטען. באַלד לאָזט ער זיך מיט אַ מרוטשע, דעם קאָפּ געבויגען צו דער ערד, שאַרף אָנגעגרײט זײנע האָרענס צום אויפשטעכען. זײנע יונגע פיס טראָגען זײן שטאַרקען מעכטיגען קערפּער, װי אַ שטורעם. איבער זײן רוקען פאָכען דיבענדער, די קאָלירען פון שפּאַניען׳ס פאָהן, װאָס מען האָט אַרײנגעשטאָכען אין זײן לעבעדיגען לײב אַרײן. ער לויפט, יונגשטאַרק און װילד. דאַכט זיך, גאָרנישט װעט איהם אָבהאַלטען אויף זײן װעג. ער װעט מיט זײן שטאַרקען קאָפּ, מיט זײנע שאַרפע האָרענס אַדורכזועצען די װענד פון דער אַרענע. ער װעט זיך אַרײנלאָזען אין דעם װילד־געװאָרענעם שרײענדיגען המון. ער װעט זײ אויפרײבען, צעבלוטיגען און צושטעכען מיט זײנע האָרענס.

אָבער באַלד שטעהט איהם אין וועג אַ רויטער פלעק פון אַ רויטען מאַנטעל. מיט'ן גאַנצען אימפּעט לאָזט זיך דער אָקס מיט זיינע שאַרפע הערנער אין רויטען מאַנטעל אַריין, ווי אַ ווינד שפּרינגט אָב אין אַ זייט דער לייכט פוסיגער „באַנדערילאָ”, און די הערנער האָבען קוים אַ גלעט געגעבען דעם רויטען מאַנטעל. פלינק דרעהט זיך דער ביק אום, ער וויל אַריין אין מענש, וואָס פאָכעט איהם מיט'ן רויטען טוך — אָבער דער ווינד טראָגט אַוועק דעם מענש — און די הערנער שטעכען־אַדורך די לופט, און פאַר זיינע אויגען פאָכעט אַלץ דער צייכען פון בלוט־רויט.

עס רינגלען אַרום דעם ביק פון אַלע דריי זייטען די „באַנ־דערילאָס” מיט די רויטע מאַנטלען. דער אָקס לויפט פון איינעם צום אַנדערן, נאָר אומעטום שטויסען זיך אָן זיינע הערנער אויף רויטע פאָכענדיגע מאַנטלען — וואָס וישען נאָר אָב דעם שטויב פון זיינע הערנער.

ווילד ווערט דער אָקס. זיינע הערנער ווילען זיך איינעסן אין וואַרימעס זודיגעס לייב. זיין פעל איז דאָרשטיג בעגאָסען צו ווערען מיט קאָכעדיג לעבעדיג בלוט. ער וויל זיינע הערנער איינ־עגבערן אין אַ ווייכען אויסגעקנעטענעם בויך. ער דערזעהט פּלוצ־לינג אַ פערד. יאָ, אַ לעבעדיג פערד מיט אַ רייטער אויף איהם האָט זיך געוואַגט אַקעגנצושטעלען זיינע הערנער מיט דער גאַנצער קראַפט. אויפגערייצט פון ווילדען געיעג מיט רויטע טיכער, לאָזט זיך דער אָקס צום פערד. עס קומט איהם אַנטקעגען אַ טיפער שטאָך פון אַ שטאַנג, וואָס דרינגט אין זיין לעבעדיגען קערפער אַריין. דאָס האָט איהם דער „פיאָדאר” רייטענדיג אויפ'ן פערד מכבד געווען מיט דער שטאַנג — אָבער דער אָקס ווערט פון קלאַפ פון שטאַנג נאָך מעהר אויפגערייצט, און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דאָס בלוט רינט פון זיין לעבעדיגער וואונד, לאָזט ער זיך צום פערד. דאָס פערד דערזעהט די סכנה. עס קאָרטשעט זיך איין און בעהאַלט זיך הארט נעבען דער וואַנד פון דער אַרע־נע. דער אָקס אָבער האָט עס שוין געכאַפּט אויף זיינע שטעכעדיגע הערנער. זיין צוואַרימטע, בייסענדיגע דורשטיגע פעל טרינקט זיך איצט אָן מיט קאָכעדיג בלוט, וואָס רינט פון פערדס בויך אַרויס

מיט שטראָמען. דאָס פערד צאַפּעלט אויף די האָרענס פון ביק, קאָרטשעט זיך איין אין צווייען. דער ביק טאַנצט דערמיט, דרעהט זיך דערמיט אַרום, ביז ער וואַרפט דאָס פערד אויף דער ערד מיט אַן אויפגעריסען לייב.

אָבער דער ווילדער אָקס האָט בעצאָהלט פאַר זיין נקמה־געפיהל. פון זיין אָפּענער וואונד רינט בלוט, זיינע הערנער זענען איצט רויט מיט בלוט, און זיין גאַנצע פעל איז בעגאָסען מיט בלוט. ער ווערט שכור פון זיין אייגען בלוט און פון פרעמדען בלוט, ער פערשפּרייט זיינע נאָז־לעכער, זיין צונג שטאַרט אַרויס מיט גאַוואַר פון זיין פּיסק. ער זוכט ווייטער אַ קרבן, אין וועמען זיינע הערנער אַריינצושטעכען. ער דערזעהט דעם רייטער, ליגענדיג אויף דער ערד, וואָס איז אַראָבגעפאַלען פון טויטען פערד. דער ביק לאָזט זיך צום רייטער, אָבער באַלד ציהען־אָב דעם ביק'ס אויפמערקזאַמקייט פון רייטער רויטע מאַנטלען פון אַלע זייטען. דאָס האָבען די „באַנדעריל‏אָס" אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט די רויטע טיכער. דער ביק פערגעסט אין רייטער און לאָזט זיך צו די רויטע טיכער. דער רייטער איז געראַטעוועט:

ער דערזעהט פון אַן'אַנדער עק ווידער אַ פערד, און ווידער דאָסזעלבע שפּיעל, נאָר מיט דעם אונטערשיעד, וואָס דאָס מאָל איז דער רייטער נישט אַזוי גליקליך געווען, און זיינע קאָלעגען האָבען איהם אַ צעבלוטיגטען אַרויסגעטראָגען אויף די הענד פון דער אַרענע.

דער עולם ווערט ווילד. די „פּיקאַדאָרעס", די „באַנדערעס" ווערען טרויעריג. דאָס מאָל לאָזט מען קיין רייטער נישט מעהר אַרויס צום ביק. זיינע האָרענס זענען שוין בעגאָסען איינגאַנצען מיט בלוט, זיין פעל איז שוין געזעטיגט מיט בלוט...

דאַן וואַרפען אַוועק די „באַנדערעס" זייערע רויטע מאַנטלען, זיי נעמען האָקעס, אָנגעבונדען אויף לאַנגע שטעקענס, און לאָזען זיך לויפען גלייך אַרויף אויף די האָרענס פון ביק.

מיט אַן'אויסגעשטרעקטער צונג און אַ ברום פון זיינע נאָז־לעכער, לאָזט זיך דער ביק לויפען זיי אַנטקעגען, איינבויגענדיג דעם קאָפּ צו דער ערד — גרייט אויפצושטעכען זיי אויף זיינע

האָרענס, נאָר איידער דער אָקס האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ האָט שוין דער „באַנדעראָ“ אַריינגעשטאָכען זיינע האָקעס אין דעם רוקען פון ביק. דאָס אויפהויבען דעם קאָפּ האָט נאָר פערטיפט די וואונד. דער „באַנדעראָ“ איז אָבגעשפרונגען אין אַ זייט, און דער אָקס, אַ צערייצטער, מיט אריינגעשטאָכענע האָקעס אין זיין רוקען, לויפט אַרום אַ ווילדער איבער דער אַרענע, דורשטיג נאָך בלוט:

דאַן קומט דער אויסדערוועהלטער פון פאָלק, דער „עספּאַדאָ“. היינט איז אַ גרויס געשעהעניש: דער עלטערער „עספּאַדאָ“ גיט־אָב דעם כבוד פון טויטען דעם ביק — דעם יונגערן. זעהר פייערליך און גערירהרט גיט דער עלטערער איבער דאָס רויטע טוך מיט דער שפּאַדע דעם יונגערן. ביידע גיבען זיך די הענד. אַ ע׳רנסטער מאָמענט, און דאָס גאַנצע פאָלק פיהלט די ערנסטקייט פון דעם גרויסען געשעהעניש. שפּאַניען בעקומט אַ נייעם נאַציאָנאַלען העלד. ער ווערט איינגעווייהט אין זיין הייליגער עבודה פאַר די אויגען פון קעניג און פון גאַנצען פאָלק פון מאַדריד. דער יונגער, כמעט ונגלישער בויגזאַמער „עספּאַדאָ“, ווי אַ יונגער העלד, בויגט דעם קאָפּ מיט ווירדע און דאַנקבאַרקייט פאַר דעם עלטערן. דאָס פאָלק ווערט גערירהרט, שטעהט שטיל אַ מינוט, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און שטילשטעהענדיגע הערצער, צי וועט ער בעגליקען, דער נייער העלד? וועט איהם זיין מוטיגע טהאַט נישט קאָסטען זיין יונג לעבען, ווי נישט איינעם פון זיינע חברים? ער האָט דאָס מיטגעפיהל פון גאַנצען גרויסען פאָלק, די ליעבע פון די „סעניאָ־ריטעס“ און די סימפּאַטיעס פון די מענער־קאַוואַלערען — אויף זיין מוטיגען וועג. עס נעהמט דער יונגער „עספּאַדאָ“ זיין לאַנגע שפּאַדע און בעהאַלט זי אין אַ רויט טוך, געהט־צו גאַנץ נאָהנט צום אָקס, שטעלט זיך אין די אויגען און די האָרענס פון אָקס. די בלוטיגע צערייצטע חיה לאָזט זיך צו איהם. ווידער שטעכען הערנער די לופט דורך דעם רויטען טוך, עס שפּילט זיך אַ ווילע דער יונגער העלד מיט זיין קרבן, כדי איהם צו מאַכען נאָך ווילדער, נאָך גערייצטער, אַרויסצורופען די ווילדסטע בעסטיע אין דער חיה, און דאַן איהם צו שטעכען.

מוזט איהר אָבער וויסען: עס איז דאָ איין מעגליכקייט, ווי־

אַזוי דער „עספּאַדאַ“ קאָן טויטען דעם אָקס. אויפ'ן קאַרק פון אָקס געפינט זיך אַקלײנער פלײשיגער פּלאַץ, וואָס איז פרײ פון בײנער, און דורך איהם קאָן די שפּאַדע אַדורכגעהן אין זײן גאַנ־צער טיעפקײט און אָנריהרען דאָס האַרץ פון אָקס. דאָס פלײשיגע אָרט איבערן רוקען פון אָקס איז זעהר קלײן, און דער „עספּאַדאַ“ מוז זיך ציעלען אָט אין איהם אַרײנצושטעכען זײן שפּאַדע. אַנ־דערש האַקט זיך זײן שפּיז אָן אין אַ ביין און ער קאָן נישט טוי־טען דעם אָקס.

דער יונגער „עספּאַדאַ“ וואַרפט אַוועק איצט זײן טוך און אַנ'אונבעשיצטער, בלויז מיט זײן בלישצענדיגער שאַרפער שפּיז, שטעלט ער זיך אין די אויגען און די הערנער פון אָקס.

דער גאַנצער גרויסער עולם האַלט אײן דעם אָטעם. די סע־נאָריטעס שטילען־אײן דעם גערויש פון די פעכערס, ענטבלויזען זײערע ברוסטען און רוקענס פון די שפּיצענדיגע שאַלען. אַ טויטע שטילקײט הערשט ארום.

דער יונגער „עספּאַדאַ“ געהט צו גאַנץ נאָהנט צום אָקס, שטעלט זיך אין מיטען פון זײנע הערנער אַזוי, אַז עס דאַכט זיך, נאָך אַ סעקונדע, און ער וועט הענגען אויפ'ן אָקס'ס הערנער, און זײן קערפּער וועט טאַנצען אויף די הערנער, ווי דאָס גרויסע פערד:

אַ סעקונדע, צי אַ שעה? ווער קאָן צעהלען? עס דאַכט זיך — אַנ'אײביגקײט שטעהען זײ בײדע, אײנער געגען דעם אַנדערען, די אײביגע שונאים, דער מענטש און די חיה. שטאַרק און מעכ־טיג און ווילד פון אײן זײט, שלויקײט און געשיקטקײט פון דער צווײטער זײט. זײ קוקען זיך בײדע אין די אויגען אַרײן און עס דאַכט זיך, אַז אין דעם בליק פון מענטשען און חיה ליעגט דער אוראַלטער קאַמף פון אור־מענטש אין דעם אור־וואַלד.

עס בויגט אַראָב דער ביק זײן קאָפּ. זײנע פאָדערשטע פיס ביגען זיך אַ בויג. גרײט צו געבען אַ שפּרונג אויפ'ן מענשען, וואָס האָט זיך געוואַגט צו שטעלען אין דער הערשאַפט פון זײנע הער־נער. אָבער די קראַפט, וואָס האָט געטראָגען דעם הויב פון זײן

קאָפּ, איז געווען די לעצטע קראַפט, וואָס דער ביק האָט אָבגעגעבען, כדי אַנ׳ענדע צו מאַכען צו זיין לעבען.

נישט דער מענש, נאָר דער ביק אַליין האָט מיט זיין הויבּ דעם קאָפּ אַריינגעטראָגען מיט דער גאַנצער קראַפט און אימפּעט די קאַלטע גלאַטיגע שפּאַדע אין זיין מעכטיגען לייב אַריין. די שפּיז איז ערגעץ־וואו פערלאָרען געוואָרען אין דער טיפעניש פון ביקס גרויסען קערפּער. — דער מענש איז אָבגעשפּרונגען אין אַ זייט. פערוואונדערט שטעהט דאָס טיער. עס ווייסט נישט, וואָס ס׳איז געשעהען׳ עס איז נאָך גרייט צו שפּרינגען אויף זיינע פיס. נאָר זיינע מינוטען זענען שוין געצעהלטע. פון זיין מויל גיסט זיך אַ קליינער שטראָם בלוט, און זיינע פאָדערשטע פיס הויבען זיך אָן צו וואַקלען. זיי קאָנען שוין מעהר נישט טראָגען דעם מעכטיגען קערפּער — ווי אַ שוואַך קאַלב שטעהט דער אָקס, ווי אַ קאַלבּ, וואָס איז ערשט געבוירען געוואָרען, אויף זיינע אויסגעדרעהטע פיס דער בליק פון זיינע אויגען איז פערגלעזערט. נישט מעהר ווילד, נאָר נאַאיוו, פערוואונדערט ווי פרעגענדיג: פאַרוואָס? אַזוי ווי יעדעס לעבעדיגע בעשעפעניש טהוט דאָס אין זיין לעצטען אויגענבליק...

דאַן בויגען זיך זיינע פאָדערשטע פיס, דערנאָך די הינטערשטע, און דער ביק גיט זיך אַ וואַליע־אום אויף דער ערד, ווי יעדעס לעבעדיגע בעשעפעניש טהוט אין זיין לעצטען אויגענבליק...

אַ ים האָט זיך אָנגעצונדען, עס ברעכען געוואַלדען און געשרייען. עס ברענען ווייסע, רויטע, בלויע טיכער אין דער זון. עס ציהען זיך טונקעל־הויטיגע, צימרינט־ברויגע הענד צום זיעגער. ברוסטען הויבען זיך, פערפומירטע ברוסטען אַרויס פון שוימען ווייסע און שוואַרצע שפּיצען. דאָ און דאָרט פאַלען רויטע, ווייסע רויזען צו די פיס פון זיגער. פון אַ לאָזשע אַראָב האָט אַ „סיניאָריטע” אַראָבגעוואָרפען איהר טוך אויף דער אַרענע — דאָס איז געווען אַ סיגנאַל. פון איבעראַל האָבען זיך אָנגעהויבען צו וואַרפען קאָלירטע שפּאַנישע שאַלען, רויזען און מענער־היט צו די פיס פון יונגען העלד.

באַלד האָט דאָס פאָלק געשטורעמט די אַרענע — אין קאַלוזשעס בלוט געדרעפּטשעט — פרויען, מענער, יונג און אַלט, האָבען געהויבען דעם העלד אויף די הענד, אויף די אַקסלען, בעוואָרפען איהם מיט קושען, מיט רויזען און מיט קאָלירטע שפּאַנישע שאַלען, וואָס האָבען געטראָגען אין זייערע פאַלדען נאָך די וואַרימקייט און די פּערפומען פון די צימערינט-ברוינע שמעקענדיגע לייבער פון די „סיניאָריטעס״...

אין אָנפאַנג, ווען דאָס בלוטיגע שפּיעל איז אָנגעגאַנגען צווישען מענש און טיער, האָט אַן עקעל געשטיקט מיין קעהל. מיין בלוט, געזויבערט און געפילטערט דורך טויזענד-יעהריגע אַלטע עטישע געזעצען, האָט געצאַפּעלט מיט פּראָטעסט און געשריי געגען דעם, וואָס איז אַזוי ווייט און פרעמד און ווילד פאַר מיר... דער צער-בעלי-חיים, איינגעזויגען מיט מיין מוטערס בלוט אין מיינע אָדערן, האָט געפאָדערט גערעכטיגקייט פאַר גאָט׳ס בעשעפעניש. און ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס ברומען פון דעם המון פאַר פרייד און ענטציקונג (ווען דער אָקס האָט געטראָגען אויף זיינע הערנער דאָס צאַפּעלדיגע פערד) האָב איך אין זיך געטראַכט: אָט דאָס איז דאָך דיזעלבע מאַסע, די אייניקלעך פון די זיידעס, וועלכע האָבען אַזוי געיובעלט מיט פרייד און ליאַרם, ווען זיי האָבען געזעהן לעבעדיגע מענשען-לייבער בראָטען זיך פאַר זייערע אויגען אין פייערען, וואָס די קירכע האָט אָנגעצונדען... אַזוי האָט געמויזט די מאַדרידער מאַסע ברומען און שרייען אויף „פּלאַזאַ מאַיאָר״ („Plaza Mayor״) דעם 30-טען יוני אין יאָהר 1680, ווען אַ „אויטאָ דאַ פע״ האָט געברענט פאַר זייערע אויגען אַ גאַנצען טאָג פון פריהמאָרגענס ביז שפּעט אין אָוועגד. אַזוי האָבען זיי געמוזט ברויזען און ברומען, ווען זיי האָבען דערהערט, ווי דאָס בלוט פון לעבעדיגע מענשען פּלאַצט אַרויס פון אָנגעצונדענע אָדערען און קנאַקט-אויף אין פלאַמען פייער... עס איז אייגענטליך געוועזען דאָס זעלבע שפּיעל מיט בלוט ווי איצט, נאָר מיט דעם חילוק, וואָס יענער אָקסען-קאַמף פון דער אינקוויזיציע איז געבענשט געוואָרען מיט דער ברכה פון דער קירך...

אָבער וואָס לענגער דאָס שפּיעל פון בלוט איז אָנגעגאַנגען פאַר מיינע אויגען, מוז איך מודה זיין צו מיין שאַנד, אַז אַ גאַנץ אַנדער געפיהל האָט מיך בעהערשט. אָנגעשטעקט פון דעם שפּיעל. האָט דאָס בלוט אין מיר ערוועקט אינסטינקטען, וואָס האָבען ערגעץ וואו געלעבט אין די פערבאָרגענסטע קאַמערען פון מיין האַרץ, בעגראָבען אונטער בערגער פון מאָראַלען און עטיק און געזעצען און מנהגים, איינגעאימפּט אין מיר דורך טויזענדער יאָהרען. אַ אינסטינקט, שטאַרקער און עלטער פון איד און קריסט, האָט זיך ערוועקט און מיר, אַ אינסטינקט, וואָס איך האָב מיטגענומען מיט מיר פון דעם אוראַלטען וואַלד, און איך האָב דערזעהן—ניעשט נאָר אין זיי, נאָר אין מיר, אין דיר, אין יעדען איינעם קאָן מען אויפוועקען דעם אינסטינקט פון דער חיה, וואָס לעבט אין אונז...

ווען איך האָב פערלאָזט די אַרענע, בין איך געווען פול מיט ענערגיע — מוטיג צו טהאַטען. איך בין פיעל נעהנטער געווען אַ מענשען צו הרג׳ענען, ווי ווען אמאָל אין מיין לעבען...

באַרצעלאָנאַ

װי לאַנג איז עס שוין, װי איך האָב געגאַרט צו זעהן דאָס לאַנד פון מײַן קינדהײט אָן, װען אין די פערגעבעלטע פאַר־נאַכטען האָב איך זיך אָנגעהערט דערצעהלען פון יענע העלדען, װאָס זענען געשטאַנען צװישען די פלאַם־פײַערען אויף די שײַטער־הויפענס און מיט דעם לעצטען אויסרוף „שמע ישראל” זענען זײ אומגעקומען פאַר זײער אמונה. פון דאַמאָלס אָן האָט מײַן פאַנטאַזיע געװעבט חלומות, שענער און שטאַרקער פון אַלע מעשיות. פון דאַמאָלס אָן איז מײַן בעגעהער געװאַקסען אין מיר צו טרעטען מיט מײַנע פיס, און צו זעהען מיט מײַנע אויגען דאָס לאַנד פון אונזערע העלדען.

דערנאָך אַז איך בין עלטער געװאָרען, אין די בית־מדרש־יאָהרען, װען די חלש־פערדורשטע נשמה פון בית־מדרש־בחור טרינקט מיט׳ן פערציקטען חשק פון די פּאָעטי׳שע קװעלען פון אַ יהודה הלוי, אַ שלמה בן גבירול, פערטיפט זיך אין אַ שטיקעל אבן־עזרא, אָדער אנטלויפט פון דער טרוקענער מדבר־הלכה צו יענע פרישע װאַסערען, װאָס פליסען אין אַ מורה־נבוכים צו געפונען דעם טעם און תכלית פון לעבען, — אָ, װי איך האָב געגאַרט צו זעהען יענע פעלדער, איבער װעלכע עס האָט געשפּרײזט אַ יהודה הלוי אויף זײַן װעג קײַן ארץ ישראל, צו זײַן געליבטסטער מיט דעם ליעד „ציון הלא תשאלי” אויף זײַנע ליפּען, װי האָב איך געװאָלט אויסגעפינען יענעם װײַנגאָרטען, יענע פּאַלמע אונטער װעלכער, װי די לעגענדע דערצעהלט, — עס ליגט בעגראָבען אַ שלמה בן גבירול, װאָס דער אַראַבישער דיכטער, װעלכער האָט זיך מתקנא געװען אַן זײַן מוזע, האָט איהם פאַר קנאה גע׳הרג׳עט, און

בעגראָבען איהם אונטער דער פּאַלמע, און פון דאמאָלס אָן, זאָגט די לעגענדע, הערט נישט אויף די פּאַלמע צו בליהען ביז אין היינטיגען טאָג אריין.

און איז נישט שפּאַניען געווען יענעס אויסדערוועהלטע ווינקעל פון דער ערד, אויף וועלכען צווי קולטורען, צווי אמונות, צווי גרויסע ציוויליזאַציעס. וואָס די מענשהייט האָט בעשאַפען די סעמיטישע און די אַרישע, האָבען געקעמפט פאַר דער הערשאַפט איבער דער וועלט? דאָס ווינקעל, וואו דער מזרח און מערב האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען אין דעם שטאַרקסטען אימפּעט פון זייערע בעוועגונגען אַרום דער ערד, אין דער הערליכסטער און פּרוכטבאַרסטער צייט פון זייער בליהונג. און דעם קאַמף, וואָס האָט געזאָלט דעצידירען די צוקונפט פון אונזער ציוויליזאַציע און אויסגיסען די פאָרמען פון אייראָפּאַ׳ס געשטאַלט, האָבען מיר, יודען, מיטגעשפּיעלט אונזער ראָל. נישט אַלס נאָכשלעפּערס, נאָר אַן אייגענע שעפערישע קראַפט האָט בעפרוכטבאַרט דאָס יודענטום פאַר דורות, און איבערגעלאָזט אויך זעהר טיעפע שפּורען אין דער רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע פון דער קריסטליכער קירכע. דער יודישער כח האָט זיך אַרויסגעוויזען אַמשטאַרקסטען סיי אין פיזישער קראַפט און סיי אין גייסטיגער. אין שפּאַניען מעהר ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פון אונזער פערשפּרייטונג. העלפענדיג די אַראַבער צו פערטרייבען די וועסט-גאָטען מיט וואָפען אין די הענד, האָבען מיר אויסגעקעמפט אַ ווינקעל אין אייראָפּא נישט בלויז פאַר דער מוסעלמאַנישער קולטור, נאָר אויך פאַר׳ן יודענטום. אין דעם אַראַנזשענגאָרטען פון דער קודראווער מאָשעע, צווישען די פינף שפּראַצענדיגע קוועלען, האָבען נישט בלויז די אַראַבישע דיכטער און די אַראַבישע געלעהרטע, אין די צייטען פון די גרויסע אַל-ראַהמענס, געלעגט דעם ווינקעל-שטיין פאַר אונזער מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, מעדיצין, דיכטונג און פילאָזאָפיע, נאָר אויך אונזערע פּאָעטען האָבען געזונגען זייערע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע „שיר היחוד׳ס״ און אונזערע רמב״מ׳ס, יהודה הלוי׳ס האָבען געלייטערט זאונזער רעליגיעזע עטיק פון אַלע אַבערגלויבענס און פרעמדע איינפלוסען, וואָס מיר האָבען מיטגעבראַכט פון פּערסיען, און אַוועקגעשטעלט

די יסודות פון אונזער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע אויף פערנונפט און שכל. די קריסטליכע קירכע האָט דערנאָך איבערגענומען די וואָפען, וואָס האָבען געשמידעט פאַר זיי די יודישע פילאָזאָפען — און געקעמפט מיט זיי געגען די הומאַניסטען און אפּיקורסים.

און נאָך עפּעס. קיין לאַנד אין דער וועלט האָט נישט אָפּגעהיט און אײנגעהאַלטען זײן כאַראַקטער, זײן אויסזעהן, זײן טעמפּעראַמענט פון די אײנפלוסען פון די צײטען און אומגעבונג — ווי שפּאַניען. דאָס הײנטיגע שפּאַניען קאָנקורירט מיט דעם שפּאַניען פון דער געשיכטע, און אָפטמאָל ווײסטו נישט, פון וועלכען דו ביסט מעהר פער׳כשופ׳ט און בעגײסטערט, צי פון יענע רײטער, אוואַנטוריסטען, וועלכע האָבען זיך געלאָזט אויף קלײנע שיפלעך איבער די ימים אויסצוגעפינען נײע לענדער און פעלקער, צי פון די הײנטיגע שטיער־קעמפּער, צי פון דעם טאַנץ פאַר׳ן הײליגען בילד אין דער קאַטעדראַלע פון סעווילע, צי פון דעם טאַנץ פון די שע:ע שוואַרץ־חנ׳עהדיגע סיניאָריטעס, וואָס טאַנצען אין די קאַבאַרעטען און די וואָדעווילען, צי פון די אַלהאַמבערעס, אַלקאַזעס, מאָשעען, קאַטעדראַלען, וואָס זענען אַזוי גרויס ווי שטעדט גאַנצע מיט גאַסען און מערק, צי פון דעם קוואַלענדיגען בעוועגליכע לעבען אויף די „פּאָרטע דע סאָליי״ (די טויערען פון דער זון) אין מאַדריד, סעווילאַ און גראַנאַדאַ...

נאָר צו וואָס ווערטער? קום מיט מיר און זעה, וואָס איך האָב געזעהן, פיהל און עמפּינד דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט:

*

עס האָבען מיך בעגלײט די סאַמעט־בעדעקטע בערג, די שטײנערדיגע אַרויסגעשאָסענע שפּיצען, די פרישע קוואַלענדיגע וואַסער־פאַלען, די ווײסע אָבגעקאַלעכטע הײזער, וואָס זעהן אויס ווי פריש־אָנגעפאַלענער שנעע, — די בליהענדע גערטנער, די לאַנגע פעלד־בײטען פון בליהענדען ווײן, די וועלדער פון אײלבירטען־בוימער, פערוואָרפענע אײנצלנע קאַסטיליאַנישע פּאַלאַצען, אײזערנע טורעמס פון קירכען, שוואַרצע שעפּסען און ציגען — פון די פרײנד־

ליכע פראַנצויזישע פירענעען־בערג ביז צו דער שפּאַנישער גרעניץ.

אַריבערקומענדיג אויף דער צווייטער זייט האָט מיר אַנטקעגען געשלאָגען אַ היימישער געשמאַק פון ציבעלע און קנאָבעל, וואָס האָט זיך געטראָגען פון קליינעם באַהן־הויז: דאָס באַהן־הויז איז געווען פול מיט מענשען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי ציגיינער, מיט ווייבער און קינדער, פעק און פעקלעך אין אַלע פאָרמען, בעטגעוואַנד און פערשידענע קאָלירטע ציצען, טיכער און געפאַרבטע פערשוילען — אַ היימיש בילד פון אַלטע בעקאַנטע טעג פון רוסלאַנד. אַלע אינאיינעם אויסגעמישט ליגען אויף דר'ערד, צוזאַמענגעקנאָטען לייבער מיט לייבער, ווייבער, מענער צוזאַמענגעוועבט מיט קינדער שלאָפען און ליגען אויף וואָס עס לאָזט זיך. זעהר פיעל זשאַנדאַרמען אין פערשידענע קאָלירען און אוניפאָרמען מיט קאָמישע שוואַרץ־צעראַטענדיגע היטען אין נאַפּאָלעאָנישע פאָרמען מיט לאַנגע לאַצען פון הינטען. מיט זייער גאַנצער שטרענגקייט, מיט זייער אָנגעלאָדענקייט מיט ביקסען און שווערדען, בעבעהאָנגען מיט פערשידענע קאָלירטע שנורען און לעדערס — האָבען זיי דאָך נישט געמאַכט דעם געהעריגען אַכטענד גען איינדרוק און האָבען נישט איינגעפליסט דעם נויטיגען רעספּעקט צו דעם אויטאָריטעט פון רעכט און געזעץ — ווייל מען איז געוואוינט צו זעהן די אוניפאָרמען אין דער אָפּערע־פאָרשטעלונג פון „קאַרמען”, און איך מוז זיך מודה זיין, אַז זיי האָבען טאַקי אויסגעזעהן ווי סטאַטיסטען, וועלכע מען האָט אַריינגעוואָרפען אין נישט פאַסיגע קליידער...

עס האָט גענומען אַ שעה צייט, ביז די בעאַמטע האָבען אָבגעפאַרטיגט די צוויי־דריי פאַסאַזשירען. אין שפּאַניען איילט מען זיך נישט. די באַהן איז כמעט לעדיג. אויף די נאָהנטסטע סטאַציעס שטייגען אויף גלחים און זשאַנדאַרמען. פונקט ווי דאָס גאַנצע שפּאַנישע פאָלק וואָלט בעשטאַנען פון די צוויי עלעמענטען...

די זון ברענט די אויגען אויס, חייס צוגאָסען פייער. איך מוז בעשיצען מיין בליק אונטער בלאָע אויגען־גלעזער. די לאַנדשאַפט איז אַ פאָרטזעצונג פון די פירענעאישע בערג, גאָר נישט אַזוי קולטיווירט, ווי אין פראַנקרייך. די גערטנער ווערען זעלטע-

נער. די שטעדטלעך און דערפער פּערלאָזענער. פון די װײסע אָבּ־געבּרענטע האַלבּ־אײנגעפאַלענע הײזער שטאַרצן אַרױס הױכע טורעמס פון קירכען מיט גרױסע גלאָקען, הענגענדיג אין קלײנע נישעס אין די טורעמס. דאָ און דאָרט טרעפט איהר אָן סטאַדעס פון שװאַרצע שאָף און שװאַרצע ציגען. אױף די סטאַציעס שטײגען מעהר אױף גלחים און זשאַנדאַרמען. גאָט, בעשטעהט דען װירקליך דאָס פאָלק נאָר פון די גלחים און זשאַנדאַרמען? װאו זענען די שפּאַניער?

אַ מאָל צעהן געפרעגט אױף מײן פּאַס. שפּאַניען איז אין מלחמה. די מלחמה מיט די מאַורען געהט נאָך װײטער אָן. און דער קעניג פון שפּאַניען האָט זעהר מורא פאַר זײן קאָסטבּאַרעס לעבּען און די שפּאַנישע דאָנען — פאַר די באָלשעװיקעס, און מען קוקט יעדען נאָך מיט חשד. אַזױ פיעל זשאַנדאַרמען האָבּ איך אין מײן לעבּען נישט געזעהן, אַחוץ בײם צאַרס אַדורכפאָהרען ערגעץ דורך אַ געגענד. פאָהרט װירקליך מיט אין אונזער באַהן עפּעס אַ צאַר? אַלע בּריקען װערען בעװאַכט אױס'ן װעג פון זשאַנדאַרמען, אַלע װעגען, אַלע שטעגען. אױף מיר מאַכען זײ נישט קײן בעזונ־דערען אײנדרוק. װײל, װי געזאָגט, שױן קענענדיג די אוניפאָרמען פון דער „קאַרמען" פאָרשטעלונג, זעהען זײ אױס װי סטאַטיסטען, און דיר דאַכט זיך, אַז די װעסט באַלד בעקומען צו הערען די אַריע פון „קאַרמען".

ענדליך, די ערשטע שפּאַניער אױפגעשטיגען אױף אַ גרעסע־רער סטאַציע. אַלע מוסקולירטע, קלײנע, מיט שאַרף־געשניטענע פּנימער. זײ זעהען אױס, װי מען װאָלט זײ לעבעדיג אַרױסגענומען פון די בּילדער פון װעלאַסקעס און גױאַ.

די לאַנדשאַפט ענדערט זיך. פלאַכער. אָנשטאָט ציגען און שעפּסען — נאָר פאַבּריק־קױמענס. שטײנער־ און מאַרמער־האַקער, צעמענט־פאַבּריקען — די געגענד נעהמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ אינדוסטריעלע מאָדערנע פאַבּריקען־שטאָדט. אַרבּײטער. אַרבּײטער־פרױען. די געגענד װערט װאָס אַ מאָל מעהר געדיכטער בעזױהנט מיט אַרבּײטער־שטעדט. ענדליך, מיט דער נאַכט־צו, קומען מיר אָן קײן באַרצעלאָנאַ.

מיין מוטער וואָלט געזאָגט: אַזוי ווי דער סמבטיון רוהט נישט, אַזוי רוהט נישט באַרצעלאָנאַ.

מילאַן אין איטאַליען איז דאָך עפּעס באַקאַנט מיט איהרע געוואַלדען און קולות. נאָר געגען באַרצעלאָנאַ איז מילאַן „שטילער ווי וואַסער און נידריגער ווי גראָז". די שטימע פון באַרצעלאָנאַ איז זיך קוים פאַרצושטעלען. די אויטאָמאָבילען האָבען עפּעס ספּעציעלע האָרענס, עקסטרא פאַר זיי געמאַכט, און אַז זיי געבען אַ בלאָז מיט דעם האָרן, מיינסטו, אַז אַ שאָק קען האָבען מיט איין מאָל אַ מריטשע געגעבען. און אַזוי ווי די אויטאָמאָבילען בלאָזען מיט די האָרענס סיי ווען מען בעדאַרף יאָ, און סיי ווען מען בעדאַרף נישט — קענט איר זיך פאָרשטעלען דעם קאַצעניאָמער אין די גאַסען פון באַרצעלאָנאַ: די טראַמווייען קלינגען. די מענשען קוויטשען. אויף יעדען שריט און טריט בעטלער מיט לאָטעריע-צעטלען, וועלכע רעכענען דיר אויס די גרויסע געווינסען אויף אַזאַ קול, אַז דו ווערסט פערטויבט. דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך דיר אין די אויגען זענען די אָבגעפּוצטע בלאַנקירטע שיך. יעדער איינער, פון דעם דאָן ביז צום בעטלער, האָט פונקעל-בלישצענדע אָבגעפּוצטע שיך. זיי אַ בריה און האָב אין באַרצעלאָנאַ נישט קיין אָבגעפּוצטע שיך! וואו דו שטעהסט און געסט. אויף די טראַמווייען, אין די קאַפע-הייזער, ביים עסען אין רעסטאָראַן, ביים געהן שפּאַצירען אין גאַס רוקט זיך דיר אונטער אַ שטיוועל-פּוצער און צי דו ווילסט יאָ און צי דו ווילסט נישט. — ער פרעגט דיך גאָר נישט — הויבט ער דיר אָן צו פּוצען און צו באַרשטען דיינע שיך. און קוים ביסטו אַוועקגעגאַנגען פון איהם אַ פּאָר טריט, האַלט שוין אַנ'אַנדערער דיין פוס מיט געוואַלד און פּוצט ווייטער דיין שוך. אויף די גאַסען זעהסטו כמעט נישט קיין ציווילע מענשען נור בלויז אוניפאָרמען. אין דעם פּרט זענען זיי עהנליך צו אַנ'אַנדערער נאַציאָן, און באַרצעלאָנאַ צו אַנ'אַנדערער שטאָדט, וואָס איך קען און איהר קענט. די שפּאַניער האָבען איבערגענומען פון זייערע זיידעס די „דאָן-קישאָטס" און האָבען זיך ליעב אויסצופּוצען אין אוניפאָרם. דורך די פאָרגאַסען, וואָס איך בין אַ דורכגעגאַנגען, האָב איך דאַכט זיך געזעהן אַ קאָלעקציע פון אַלע אוניפאָרמס פון די אַר-

מעען פון אַלע פעלקער. די פּאָליציי, — נו, וועלכע פּאָליציי? אַז עס זענען דאָ כלערליי פּאָליציי — איז אָנגעטהון אין פערשידענ-קאָלירטער קליידונג. טייל טראָגען טוכענע העלמען, ווי די לאָנ-דאָנער פּאָליציי. אנדערע טראָגען שטאָל-היטען ווי די אַמאָליגע דייטשע, און מעהרסטען פון זיי זענען אָנגעטהון אין רויטע סור-דוטען בעקליידט מיט רויטע, געלע, בלויע און כל-ערליי לאַמ-פּאַסען.

אַלע געוועלבער זענען קאַפע-הייזער אָדער רעסטאָראַנען, און די גאַסען זענען איבערגעשוועמט מיט מענשען. איך זוך די שוואַר-צע ברונעטקעס, די שוואַרץ-חנ'עוודיגע שפּאַנישע סינאָריטאַס מיט די גרויסע קאַמען אין די פּאַרפלאָכטענע האָר, איינגעהילט אין שוואַרצע שפּיצען-שאַלען, נור שטעלט אייך פאָר מיין אומגליק בעפאָר איך בין אָנגעקומען קיין שפּאַניען האָבען די באַרצעלאָנער „דאָנען" געענדערט זייער געשמאַק און אָנשטאָט ברונעטקעס האָ-בען זיי אָנגעהויבען זוכען בלאָנדינקעס. און איבער נאַכט, דער-צעהלט מען מיר, זענען אַלע סינאָריטעס פערוואַנדעלט געוואָרען פון בראָנעטקעס אין בלאָנדינקעס... בחנם זוך איך מיין אויספּאַנ-טאַזירטען טיפּ פון דער שפּאַנישער געפעהרליכער שענקייט; אַלע האָבען זיי זיך די האָר אָבגעשוירען און זענען בלאָנד ווי די ענגלענדערינס און דייטשקעס. בחנם נעבעך, אַזוי פיעל געלד און צייט אַרויסוואָרפען. נור מען טרייסט מיך: עס זענען נאָך וועלכע געבליבען, ווייטער אויפ'ן דרום, איבערהויפּט אין סעווילאַ.

נאָר דאָך איז מיר נאָך די נאַכט אויסגעקומען צו זעהן אין די קאַבאַרעטען אַ שפּאַנישע טענצערין, אַ שפּאַנישען אויסגעהאָפּ-טענעם שאַל, צו הערען שפּאַנישע געזאַנגען, וואָס וועקען-אויף אין אייער יודיש בלוט קלאַנגען, וואָס שלומערען אין אייך פון די צייטען פון די אַראַבער און מאָאָרען (וועלכע די שפּאַניער האָבען איבערגענומען), צוליב וועלכע עס האָט זיך געלוינט צו מאַכען די רייזע.

דאָס לעבען אין באַרצעלאָנאַ הויבט זיך אָן נאָך מיטען נאַכט. טעאַטערען, וואָדעווילען, קאַבאַרעטען עפענען זיך בישט פריהער, ווי נאָך 1 אַ זייגער ביינאַכט, און פון צוועלף אַז

הויבט מען זיך ערשט אָן צוזאַמענצוקומען אין די קאַפע־הייזער, און צו שפּאַצירען איבער די גאַסען. קענט איהר זיך פאָרשטעלען, אַז בחנם איז געווען מיין שלאָפען־לעגען זיך. באַרצעלאָנאַ לאָזט נישט שלאָפען. עס קען אַ טויטער פון קבר אַרויסוועקען מיט זיין לעבען־רוף. און מיך האָט עס אַרויסגעטראָגען פון מיין בעט אַרויס, אין וועלכען איך בין אַריינגעפאַלען אַ מידער נאָך אַ לאַנגען טאָג רייזען. עס איז שוין דריי אַ זייגער ביינאַכט און די גאַסען זענען בעלעבט ווי בייטאָג. די געוועלבער זענען אָפען; פון די קאַפעען און רעסטאָראַנען גיסט זיך אַרויס דאָס עלעקטרישע ליכט צוזאַמען מיט'ן רויש און רעש. איך האָב זיך אויסגעמישט מיט דער מענגע, צוזאַמענגעקאָכט זיך מיט'ן לעבען. די קאַפע־הייזער, די טענץ־זאַלען, די וואָדעווילען זענען געווען פול מיט שוואַרץ־חנו׳דיגע שפּאַנקעס, עכטע סינאָריטעס, מיט קעמען און זשאַנטיליעס און שאַלען־טיכער. דאָ, האָב איך זיך געטראַכט, בין איך אָנגעקומען אין מיטען האַרץ פון שפּאַנישען לעבען. נאָר ווען איך האָב אָנגע־הויבען צו רעדען מיט די „סינאָריטעס״, האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זיי פערשטעהען אַלע שפּראַכען פון דער וועלט אַ חוץ שפּאַניש, און זיי קומען פון אַלע עקען פון דער וועלט: פון ענגלאַנד. פון דייטשלאַנד. און אַ טייל פון זיי זענען געווען עכטע שפּאַנקעס פון אונזערע אייגענע מקומות. שפּאַנקעס פון ביאַליסטאָק, פון בערדי־טשעוו, נאָר קיין איין שפּאַנקע איז דאָרט נישט געווען, וואָס קומט פון שפּאַניען אַליין...

באַרצעלאָנאַ איז אַ גרויסע האַפען־שטאָדט און דער גרעסטער האַנדעלס־צענטער פון שפּאַניען, די גרעסטע שטאָדט פון שפּאַניען, און דורכדעם האָט די שטאָדט שוין פון לאַנג פערלאָרען איהר ספּעציפישען כאַראַקטער און טראָגט אויף זיך די שפּורען פון אַ אינטערנאַציאָנאַלער שטאָדט מיט אונטער־ערד־באַהנען, טראַמווייען און אויטאָמאָבילען. דאָך אָבער פיהלט איהר דעם ספּעציפישען שפּאַנישען געשמאַק און דאָ און דאָרט וואַרפט זיך נאָך אייך אין די אויגען אַ שמאָל געסעל, אַן׳אַלטע קירכע, אַ פּאַלאַץ, וואָס דערמאָנט אייך, אַז איהר געפינט זיך אין איינער פון די עלטעסטע שטעדט פון דער וועלט. ביים פּאָרט אַ גרויסער קאָלומבוס־דענקמאָל, וואָס קוקט־אַרויס

פֿון די שיף-קוימענס און שיף-זעגעלען, װעלכע בעלעבען, דעם האַ-
פֿען. נישט פֿון דעם פּאָרט איז קאָלומבוס אָבגעפֿאָהרען צו געפֿינען
אַמעריקאַ, נאָר דער דענקמאָל איז אַ װירדיגער צײכען פֿון אָנער-
קענונג פֿאַר דעם טראַגישען פֿאָרשער. כאָטש איך האָב אין ערגעץ
נישט געזעהן, נאָר דאָך לעגט זיך אויפ׳ן שכל, אַז אַבּרבּנאל מיט
די אַלע יודען, װאָס זענען מיטגעגאַנגען קײן איטאַליען, װען איזאַבּע-
לאַ האָט זײ פֿערטריבען, האָבען זיך פֿון דעם פּאָרט איבערגעשיפֿט קײן
װענעדיג, אַזוי װי אבּרבּנאל שרײבּט: „וילכו בלא כח שלש מאות
אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו מכל מדינות המלך” (און עס
זענען געגאַנגען אָהן קרעפֿטען דרײ מאָל הונדערט טויזענד מאַן
צופֿוס, און איך צװישען זײ, פֿון אַלע מדינות פֿון מלך). די מעהר-
סטע יודען האָבען פֿון דרום אויס איבער סעװיליע אויסגעװאַנדערט
קײן פּאָרטוגאַל, קײן מאַראָקאָ, נאָר די, װעלכע זענען מיט אבּרבּנאל
געגאַנגען קײן װענעדיג, האָבען געמוזט אָבשיפֿען זיך פֿון באַרצע-
לאָנער פּאָרט, װײל עס איז דער נאָהנטסטער װעג קײן איטאַליען.

אויסער דעם האָט באַרצעלאָנאַ פֿאַר אונז, און אויך פֿאַר
דער אַלגעמײנער װעלט, קײן בעזונדערען אינטערעס נישט. אַ חוץ
דאָס אפשר, װאָס אין דער גרויסער ביבּליאָטעק בײ דער קאַטעד-
ראַלע האָב איך געזעהן פֿיעל פּאָליעס, װעלכע האָבען געטראָגען
אויף זיך אויפֿשריפֿטען „פּראָצעסען”, פֿון די פֿערשידענע יאָהרען
דורך דער צײט, װען די אינקװיזיציע האָט פֿונקציאָנירט. די פּאָ-
ליעס װאָלטען געגעבען זעהר אַ אינטערעסאַנטען מאַטעריאַל פֿאַר
אַ יודישען געשיכטע-פֿאָרשער איבער דעם יודישען מערטירערטום
אין שפּאַניען. איבריגענס, געפֿינט זיך אַזאַ מאַטעריאַל אין יעדער
ביבּליאָטעק בײ יעדער קאַטעדראַלע אין שפּאַניען, — און זײ װאַר-
טען אויף אַ יודישען פֿאָרשער. װעט זיך די אוניװערזיטעט אין
ירושלים, אויף װעלכער מיר לעגען אַזויפֿיעל האָפֿנונגען, אָנ-
נעהמען די עולה פֿון פֿערשװיגען פֿערגאָסען בלוט און פֿערצײ-
כענען לדורות די נעמען פֿון די יודישע מערטירער-העלדען?..

אַרומדרעהענדיג זיך דורך די בעלעבטע גאַסען פֿון באַרצע-
לאָנאַ, צװישען די רעש׳דיגע אויטאָמאָבּילען, שטיװעל-פּוצער, קלינ-
גענדיגע טראַמװײען און שרײענדיגע בעטלערס, האָב איך פּלוצלונג

בעמערקט, ווי אַ קאַסטעליאַנישער אייזעל־טרייבער טרייבט זיין
בעלאָדען אייזעל מיט ערדישע טעפּ דורך די בעלעבטע גאַסען. דאָס
אייזעלע, שלעפּענדיג אויף זיך די ערדישע טעפּ צווישען די אויס־
טאָמאָבילען, האָט מיר אָבגעגעבען אַ גרוס פון די קאַסטעליאַנישע
בערג. און דער אייזעל־טרייבער, אָנגעטהון אין זיין טראַכט, אויס־
רופענדיג זיין סחורה מיט זיין זינגענדיגער חזנ׳ישער שטימע, צווי־
שען די האָרענס־געוואַלדען פון די אויטאָמאָבילען, האָט אין מיין
פאַנטאַזיע אַרויסגערופען די פער׳כשופטע ראָמאַנטישע בילדער פון
שפּאַניען. און מיר דאַכט זיך, אַז נאָר מירביידע אַליין, דער
קאַסטעליאַנישער אייזעל־טרייבער און איך, זענען געווען די איינ־
ציגע שפּאַניער אין דער גרויסער שטאָדט באַרצעלאָנאַ.

אין סאַראַגאָסאַ (סרקוסטה)

דריי אַזייגער ביינאַכט האָט מיך דער שנעל-צוג, וואָס געהט פֿון באַרצעלאָנאַ נאָך מאַדריד, אַראָפּגעוואָרפֿען אין די אַלטע שטאָדט סאַראַגאָסאַ, אָדער ווי די יודישע ספרים רופֿען עס אָן, סרקוסטה. און גוט האָט ער געטהון, דער צוג.

אַז איהר קומט אין אַ שטאָדט אַריין, וואָס איהר האָט גאָרנישט מעהר צו זוכען אין איהר פֿון היינטיגען לעבען, נאָר זכרונות פֿון אַלטע פֿערגאַנגענע טעג, איז דאָס בעסטע זי צו זעהן ביינאַכט, ווען דער „היינט” שלאָפֿט, און דער „נעכטען” שלייכט זיך אַרויס פֿון זיין פֿערגאַנגענעם, פֿערלוירענעם קיום און פֿערשפּרייט זיין שאָטענדיגען בר-מינן אויף די קליינע שמאָלע געסלעך איבער די אַלטע הייזער... צו-פֿיעל וואַך פֿון זכרונות און עמאָציעס פֿון אַמאָליגע טעג, וואָס האָט זיך דאָ אין דער אַלטער שטאָדט אָבגעשפּיעלט, צו געהן שלאָפֿען, האָב איך איבערגעלאָזט מיינע זאַכען אין האָטעל, און אַליין האָב איך זיך אָנגעהויבען צו שלייכען איבער די ענגע גאַסען, צו דער פֿערוואונדערונג פֿון די נאַכט-וועכטער.

די נאַכט איז אָבער געווען אַ הערליכע, אַ זילבער-נאַכט, ווי מען זעהט זי אין אָריענט בּרייט און ליכטיג האָבען געשיינט די גרויסע שטערען און געגליטשט זייער מיסטיש פֿערפֿיהרעריש ליכט איבער די גרויע ווענד פֿון די הייזער. אַלעס, וואָס איז געווען לעבען, וואָכענדיגקייט און געטראָגען אַ שפּור פֿון היינט, איז געשלאָפֿען און פֿערגאַנגען. פֿון די קאַפּע-הייזער האָבען אַרויסגעצאַנקט די לעצטע ליכט און נאָכמעהר געהאָלפֿען אויפצווועקען די שאָטענס פֿון די פֿערגאַנגענע טעג. דאָס גאַנצע לאַנד, געבירגיג און טהאָליג, איז געשלאָפֿען אויף יענער זייט טייך „עבראָ”. און די עבראָ אַליין,

וואָס מען האָט גוט געזעהן איהר פינקעלדיגען רוקען פון מאַרק אַראָב, האָט איינגעבאָרגען אין איהר שויס די קוימענס און די זעגלען פון די פיעל שיפען, וואָס בעלעבען זי בייטאָג, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי אַליין בעהאַלט זיך אונטער די גרויסע בויגענס פון דער אַלטער ראָמאַנישער בריק, וואָס קלעטערט אַדורך איהר ברייט.

אַליין האָב איך געוואַנדעלט אין די שמאָלע געסלעך און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך געפין זיך אין דער שטאָדט אין יענע אַלטע צייטען פון יקואל איבן האסאן, וואָס איז געווען שאַץ־מייסטערביים קאַליף מאַהאַ איבן אַלמאַנדיר. די שטאָדט איז פול מיט יודישע בעלי־מלאכות, מיט זאָטעל־מאַכערס, גאָלד־שמיעדען, בשמים־הענדלער. אָט די אַלע פערמאַכטע געוועלבער אין די שמאָלע געסלעך זענען יודישע קראָמען. די יודען ברענגען די זיידענע שטאָפען פון דמשק און פיהרען אַריין אין די אָריענטאַלישע לענדער די כלי,זין, וואָס ווערען אויסגעאַרבייט אין טאָלעדאָ, אין סאַראַגאָסאַ. דאָ, פאַר דעם טויער פון דער שטאָדט, זענען אויסגעזעצט די יודישע סוחרים מיט זייערע קראָמען, קראָמען, וואָס פערבאָרגען אין זיך די רייכטימער פון מזרח, בלישצענדיגער זייד, געשניטענער סאַמעט, געוועבטע טיכער אין פורפור און תכלת, ציערונג געמאַכט פון גאָלד און זילבער, בעזעצט מיט שטיינער פון לאַפּוס־לאַזורע, ים־קרעלען און בלויע סאַפּירען. טיילמאָל פערוואַלגערט זיך צווישען די סחורות, צווישען די זיידענס, ציערונג און כלי־זיין אַ קריסטליכער שקלאַף, וואָס אַ יוד האָט אָבגעקויפט פון אַ מוֹאַר אָדער אַן־אַראַב, וועלכער האָט איהם געפאַנגען גענומען אין מלחמה. די שטאָדט איז פול מיט יודישע געלעהרטע און ריכטער, וועלכע האַלטען זיך אויף אין אָראַנזשען־גאָרטען פון דעם יודישען שאַץ־מייסטער יקואל איבן האַסאַן, און ווערען אויסגעהאַלטען פון זיין רייכען טיש. דאָרט אין דעם רייכען אָראַנזשען־גאָרטען ווערען דיסקוטירט די כללים פון העברעאישען דקדוק, אויסגעטייטשט אַ פסוק פון יחזקיהו נאָך דעם אבן־עזרא, אַ דין פון דער גמרא, אָדער פאָרגעלייענט אַ נייע תפלה, אַ נייער „לכה דודי", וואָס אַ דיכטער האָט מחדש געווען, אָדער אַ ליעבע־שיר, אָדער אַ פילאָזאָפישער אויס

שפּרוך. צווישן די דיכטער געפינט זיך אייגער אַ איינזאַמער, אַ טרויעריגער, אַ בלייכער יונגערמאַן. זיין יאוש'דיגער שמייכל גענט נישט אַראָב פון זיינע בלייכע ליפּען, וואָס שיינען אַרויס פון זיין שוואַרצער באָרד און פּאות. זיין לאַנגער ווייסער מאַנטל איז שטענדיג צעשויבערט און צעקנייטשט, און אָרעם און צעריסען, אין פערגלייך מיט די העלע בלישצענדיגע מאַנטלען פון די אַנדערע דיכטער. זיין טורבאַן זיצט איהם נישט זיכער איבער זיין געקרייזעלטען קאָפּ האָר. דאָס איז דער דיכטער שלמה איבן גבירול, וועלכער קריגט זיך מיט דער גאַנצער וועלט. ער קאָן נישט פערטראָגען די חניפות און די לויב-לידער, וואָס אַלע זינגען צו זייערע ברויט-געבער. ער קאָן נישט פערטראָגען די שלעכטע גראַמען פון זיינע חברים, דעם „אָץ-קוצץ"-נוסח, וואָס מען מאַכט נאָך די אַראַבישע חברים. ער קאָן נישט פערטראָגען זיין ברויט-געבער, דעם קליינעם יקואל, וואָס וויל שפּיעלען אין סאַראַגאָסאַ די זעלבע ראָלע, וואָס דער גרויסער חסדאי איבן שפּרוט שפּיעלט אין קודאָוואָ, און ער קאָן נישט פערטראָגען די גאַנצע שטאָדט, וואָס בעשטעהט פון גראָבע יונגען, עם-הארצים, סוחרים פון זיידען און שקלאַפען. ער באַנקט נאָך קודאָוואָ, די שטאָדט פון חכמים, די שטאָדט פון דיכטער, און אין איין שענער נאַכט פערלאָזט ער זיין ברויט-געבער און נעהמט-מיט מיט זיך זיין פערמעגען, וואָס בעשטעהט פון אַ געניזען-פעדער מיט אַ פּאָר פּאַרמעט-פּאַפּירען — דאָס איינציגע, וואָס אַ דיכטער פערמאָגט און ברויכט צו זיין גליק — און וואַנדערט אויס קיין קודאָוואָ...

אַזוי בלאָנדזשע איך אַרום אין די גאַסן פון סאַראַגאָסאַ און איך זעה אין די שאָטענס, וואָס שלייכען זיך אַרויס פון די הויכע אַלטע הייזער, דאָס גרויסע יודישע לעבען פון אַמאָל. אָט אין דער שטאָט האָבען דאָך יודען אַמאָל מיט טויזענט יאָהר צוריק בעשאַפען די ערשטע יודישע יוניאָנס צווישען די יודישע זאָטעל-מאַכערס, די ערשטע גילדעס צווישען די סוחרים, די ערשטער קראַנקען-קאַסעס, חברה-קדישות, בקור-חולים'ס און אַנדערע יודישע אַנשטאַלטען. די שטאָדט האָט געווימעלט פון יודישען לעבען — ביז איך בלייב פּלוצלונג שטעהן ביי אַ קירכע. אַ קליין ליכטעל פון אַ הויכען צלם אַראָב האָט מיין האַרץ אויפגעציטערט.

איז עפּעס וואָס געקומען איבער מיר, וואָס נישט ערשראָקען, נאָר ערציטערט און בייז איז אויפגעקאָכט מיין בלוט אין מיר ביז צו משוגעת?

אפשר איז עס געווען אין ד ע ר קירכע, און אפשר אין אַנ-אַנדערער. וואָס איז דער חלוק? אַזאַ נאַכט ווי די היינטיגע. אויך דאַמאָלס האָבען די שטערען אַזוי געשיינט איבער דעם שמאָלען פּאַס הימעל, וואָס מען זעהט פון דער ענגער גאַס אַרויס פּונקט ווי היינט. די אינקוויזיציע האָט פערשפּרייט איהרע שווארצע פליגלען איבער דער שטאָדט. עס ציטערט אַ קינד אין וויעג. מען האָט מורא זיך צו בעגעגענען אין גאַס, און פאַר יעדען הייליג בילד אויף יעדען עק, ביי יעדען הויז וואַרפט מען זיך צו דער ערד. מען שלאָגט זיך אין האַרץ, מיט דעם שטערען אויף דער ערד ליגט מען אַב שעה'ן-לאַנג, כדי נאָר דער חשד זאָל נישט פאַלען. אָבער די אינקוויזיציע זעהט מיט טויזענד אויגען. זי קוקט אַדורך דורך דעם פלייש פון מענש. דעם אינקוויזיטאָרס מלאכי-חבלה זענען איבער דער שטאָט פערשפּרייט. אין אַלע לעכער, זיי ווייסען גאַנץ גענוי, וועלכער ג י י ע ר קריסט קאָן נישט אָבגעוועהנען זיך פון זיין געוועהנהייט פרייטאָג אַ באָד צו נעהמען און אַ פריש העמד איבערצוציהען. צו וואַשען זיך פאַר אַ מאָהלצייט, צו מורמלען עפּעס מיט די ליפּען בעפאָר ער נעהמט דעם כוס צו זיין מויל צו. אויסגעשטעלט זענען זייערע משרתים אין אַזאַ אָרט איבער אַלע עקען פון די גאַסען, בעהאַלטען אין שאָטען פון יעדען קרייץ, וואָס שטעהט אין גאַס, הינטער די פלומפּען, און יעדער נישע, פון יעדען הויז קוקען זיי אַרויס און זיי זעהען, ווי די ערשטע און בעסטע קריסטען פון שטאָדט, הויכע רעגירונגס-בעאַמטע, רייכע סוחרים, אַריסטאָקראַטען און אויך מענשען פון המון, גלחים אפילו, אין די הייליגע קליידער אָנגעטהון, שלייכען זיך ביינאַכט דורך די ענגע גאַסען און ווערען ערגעץ-וואו פערפאַלען אין לעכער, אין קעלערס, פון פערבאָרגענע קליינע פענסטערלעך לייכטען געהיימניספולע ליכטער אַרויס. וואָס טהון דאָרט קריסטען שפּעט אין דער נאַכט? גלחים און בעאַמטע, רייכע און אָרימע? די קירכען זענען לעדיג און די קעלערס זענען פול מיט בעטענדע... און עס ברענען שוין

אויף די שייטער־הויפענס די ערשטע און די בעסטע בעלי־בתים פון דער שטאָדט, קירכען־פאָטערס און שטאָדט־פאָטערס, דעם קעניג'ס ערשטע בעאַמטע, סוחרים, בעלי־מלאכות, אָרימע און רייכע.

אָבער סאַראַגאָסאַ איז אַ יודישע שטאָדט. אַ שטאָדט פון יו־דיש לעבען. און סאַראַגאָסאַ איז די איינציגע שטאָדט, וועלכע גיעט אַ ווירדיגען ווידערשטאַנד דער אינקוויזיציע. אין אַזאַ נאַכט ווי די היינטיגע — אויף דאַמאָלס האָבען די שטערען געשיינט און געגליטשט זייער ליכט איבער די גרויע ווענד פון די הייזער, — האָבען זיך דריי מענער פערשטעלט און פערהילט אין שוואַרצע מאַנטלען, פערשטעלט און פערהילט מיט פרעמדע נעמען: יואַן דע עספּעראַנדאַ און ווידאַל פראַנקאָ דע אַראַגאָזאַ. אונטער זייערע שוואַרצע מאַנטלען האָבען זיי פערשטעקט שאַרפע מעסערס און אונטער זייערע שוואַרצע נעמען — שאַרפע, וואַכענדיגע יודישע הערצער. און אָט שלייכט ער זיך אַרויס דער אינקוויזיטאָר. בע־דעקט איז זיין קערפּער איינגאַנצען אין שטאָהל. עס טראָגט דער אינקוויזיטאָר זיין פּאַנצער נישט ווי אַ ריטער איבער זיין קלייד, נאָר אונטער זיין שוואַרצען מאַנטעל. פון דערווייטענס לייכט זיך זיין לאַמטערן. דאָס קומט דער אינקוויזיטאָר פון זיין גאָט די ברכה און די הסכמה צו קריגען פאַר דעם קרבן, וואָס ער וועט היינט ברענגען פאַר איהם פון מענשען־בלוט און מענשען־פלייש.. זיין תפילה איז נאָך וואַרעם אויף די ליפּען און די שאַרפע מע־סערס פון די דריי מענער אין ישראל האָבען דורך דעם גליטשיגען שטאָהל פון זיין פּאַנצער דערגרייכט דעם אינקויזיטאָרס האַרץ, און זיי האָבען איהם אַוועקגעלעגט געבאָדען אין זיין בלוט צו די פיס פון זיין גאָט.

טייער האָבען זיי בעצאָהלט פאַר דער נקמה. מעהר פון צוויי הונדערט פון זיי שולדיג צי אונשולדיג, האָבען געברענט אויף די שייטער־הויפענס. די קירכע האָט זיך נישט בערוהיגט בלויז מיט לעבעדיגע. אויסגעגראָבען פון די קברים האָט מען די טויטע און געבראַכט אויף די שייטער־הויפענס, זיהן האָבען אליין מיט זייערע הענד געמוזט אויסגראָבען די ביינער פון זייערע פאָטערס, בעטען די קירכע, אַז מען זאָל מבזה־זיין די טויטע לייבער פון זייערע

עלטערען און ברענגען די רעשטען אויף די מזבחות פון דער אינ-קוויזיציע. אָבער אַ טרייסט איז די טהאַט געווען פאַר די לעבעדיגע, און עס לעשט די טהאַט דאָס נקמה-געפיהל פון די, וואָס זענען געבליבען נאָך זיי...

נאָר עס ענטלויפט די נאַכט, און עס יאָגען שוין די ווינדן פון טאָג. איך האָב מורא, אַז מיין חלום זאָל נישט צורינען און איך האָב זיך בעהאַלטען פאַר די שטראַהלען פון דער ניכטערקייט פאַר דער זון פון היינט, אין דעם ענגען צימער פון מיין האָטעל...

צו מאָרגענס, אַז איך בין געקומען אין די גאַסען פון סאַ-ראַגאָסאַ, איז שוין קיין שפור נישט געווען פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב געזעהן ביינאַכט. מענשען פרעמדע און ווייטע האָבען אָנגעפילט און בעלעבט די גאַסען. בחנם האָב איך געזוכט צווישען די הייזער, צווישען די דענקמעלער, אין די קירכען און מוזעאומס אַ צייכען, אַ אָנווייז אויף דאָס גרויסע יודישע לעבען, וואָס דאָ איז געווען אַמאָל, קיין איין שפור איז נישט איבערגעבליבען פון אַ יוד. די סינאַגאָגען פערוואַנדעלט אין קירכען, און דורך דער צייט פון די יאָהרען זענען זיי פערניכטעט געוואָרען, אָדער אַזוי פערענדערט, אַז קיין צייכען איז פון זיי נישט געבליבען. די בית-הקברות'ער — די יודען פון שפּאַניען האָבען מיטגענומען אַ טייל מצבות מיט זיך. די איבערגעבליבענע האָבען די שפּאַניער אויס-געריסען פון דער ערד, אין די קירכען, אין די שטאָדט-הייזער איינגעמויערט... דאָס פעלד צואַקערט, אָדער צושאָנקען עס פאַר קלויסטערס און שפּיטעלער, אויסגעריסען מיט דעם וואָרצעל יעדען שפור פון אַ יוד נאָך זיך.

וואָס געהט מיך אָן דאָס רוישיגע לעבען אויף די גאַסען? די קאַפעען, די שענע סאַראַגאָסער סינאָריטעס מיט די הויכע קאַמען? דער טייך עברא ווי אַמאָל איז בעלעבט, עס הערט זיך דאָס פייפען פון די שיפען אין שטאָדט, און פון דערווייטענס זעהט זיך די אַלטע ראָמאַנישע בריק — אָבער פרעמד איז דער טייך, און פרעמד די בריק, איבער וועלכער עס האָט אַמאָל יודישעס לעבען, האַנדעל און וואַנדעל געווימעלט און גערוישט.

איך ווייס נישט, ווי עס פיהלט אַ קינד פון אַנ׳אַנדער נאַציאָן. אַ יוד פיהלט עפּעס מאָדנע שלעכט און באַנג ווען ער געפינט זיך אויף אַ פּלאַץ, וואו קיין יודען זענען נישטאָ. איך בין זיך מודה, אַז עפּעס אַ געפיהל פון שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט, דערמאָהנענדיג זיך פּלוצים, אַז איך געפין זיך אין אַ שטאָדט, אין אַ לאַנד, וואו קיין יוד איז נישטאָ. צי איז עס דערפּאַר, ווייל מיר זענען פערשפּרייט און צעזייהט איבער דער וועלט — האָבען מיר די געוואוינהייט אומעטום יודען צו געפינען? צי דערפּאַר, ווייל דער עלענד און נויט האָט אונז דאָס בעדערפעניש בעפעסטיגט, צו זיין תמיד צוזאַמען. — אַ בענקשאַפט, ניין, אַ שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט. גאָט — האָב איך זיך געטראַכט — אַ שטאָדט, וואו קיין יוד איז נישטאָ!

און אַזוי ווי איך טראַכט, דערזעה איך פּאָר זיך אין אַ געוועלבעל פון ציגאַרעטען און ציגאַרען שטעהט אַ יוד, אַ יוד מיט אַ באָרד, אַ יוד מיט אַזאַ אויסגעוועהטאָגט יודיש פּנים, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער יודישער צער, דורות פון פּיין און נויט, קאַמף און עקשנות, אונטערגעגעבענקייט און שטאָלצקייט האָבען זיך איינגעגעסען אין דער פּאַרמעט-הויט פון דעם יודישען פּנים. זיינע אויגען זענען געוועזען שטראַהלענדיגע און גרויסע און ערשראָקענע. און דער קנייטש אַרום זיין מויל! אָ, דער קנייטש פון צער און איינגעהאַלטענעם אַדורכגעבראָכענעם נקמה-געפיל. די הייטלעך איבער זיינע אויגען, און די טרעהרען-טאָרבעלעך אונטער זיינע אויגען, זענען געוועזען פּונקט ווי ביי מיין פאָטער, עליו השלום, וואָס איך געדענק זיי שטענדיג, שטענדיג... איך קוק אויף דעם שילד איבער דעם געוועלבעל: דער נאָמען איז „לאָפּיץ“. „לאָפּיץ“ — טראַכט איך מיר — אַ יודישער נאָמען, אַ נאָמען, וואָס איז בעקאַנט אין דער יודישער געשיכטע. אַ טייל פון דער פאַמיליע לאָפּיץ האָבען ביים גירוש-שפּאַניען אויסגעוואַנדערט קיין פּאָרטוגאַל, און ווען דאָרט איז דער גירוש געקומען, האָבען זיי נישט געקאָנט בייששטעהן דעם נסיון און זענען געוואָרען קריסטען. מיר געפינען אַ לאָפּיץ אויך מיט יעקב טיראַדאָ, וועלכער איז מיטגעקומען מיט איהם פון פּאָרטוגאַל קיין האָלאַנד, מגייר געוועזען זיך צוריק, און דאָרט בע-

שאַפען דעם יודישען ישוב. לאָפּיץ — טראַכט איך מיר — אַ יודי־שער נאָמען. געוויס איז עס אַ יוד, געוויס! איך בין אריינגעגאַנגען אין געוועלבעל, און געהייסען מיר געבען ציגאַרעטען. פערדרויכערנ־דיג אַ ציגאַרעט, פרעג איך דעם מאַן, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, אין פראַנצויזיש:

— איהר זענט אַ יוד?

— און איהר זענט אַ יוד? — ענטפערט מיר דער מאַן אָב מיט אַ עכטער יודישער קשיא.

— סי, סי, — זאָג איך איהם.

ער האָט זיך פערוואונדערט און מיך אָנגעקוקט זעהר ערשטוינט.

— זעהר אינטערעסאַנט. באָ—קו, באָקו — ציהט ער דאָס וואָרט „באָקו". נישט וויסענדיג אַליין פאַר וואָס.

— און איהר זענט אַ יוד? — פרעג איך איהם איבער.

— נאָ, נאָ — אַנשענט קאַטאָליקו — האָט ער מיר אָבגע־ענטפערט מיט אַ זיפץ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער קרעכץ פון דורות הערט זיך אין זיין זיפץ!

מאדריד

(שפאנישע קונסט)

מאדריד האט פאר אונז קיין בעדייטונג. זי איז ערשט געווארען די הויפט־שטאדט פון שפאניען א שטיק נאכדעם, ווי מען האט אונז פון דארט ארויסגעטריבען. א בעדייטענדער יודישער ישוב איז אין איהר קיינמאל נישט געווען. דאך שטעל איך זיך אב אויף מאדריד, נישט בלויז דערפאר, ווייל זי איז היינט די הויפט־שטאדט פון שפאניען, נאר דערפאר, וואס מאדריד האט אנגעזאמעלט אין זיך די קונסט פון שפאניען, און וואס אהן איהר איז אונמעגליך צו קענען, צו פערשטעהן און צו ליעבען דאס אייגענארטיגע אריגינעלע פאלק.

קיין פאלק האט זיך נישט אזוי ענטפלעקט און אויסגעקנעטען אין זיין קונסט ווי דאס שפאנישע. אפילו די איטאליענער נישט. די איטאליענער זענען געווען די, וועלכע האבען געגעבען דער וועלט די אידעע פון א וועלט־קונסט. דזשיאטא איז שוין געווען קאסמאפאליטיש מענשליך פערשטענדליך פאר אלע. און געטראגען אין זיך די אידעע פון א וועלט־קונסט. דורך דעם האט די איטאליענישע קונסט אזוי אויסגעגאסען איהר איינפלוס איבער אלע פעלקער. די שפאניער זענען דורכאויס נאציאנאל. אז מען זעהט ריבערא, מארילא, וועלאסקעס, אפילו גויא, דאכט זיך, אז זיי האבען זיך אבגעשלאסען פאר זיך: „וואס געהט אונז די וועלט אן?" מיר זענען — שפאניער.

יעדער קינסטלער, נאך מיין מיינונג נאך, בעדארף איין מאל אין זיין לעבען זיין אין שפאניען. אין מאדריד, אין מוזעאום „דעל פראדא", אויף אבצולערנען זיך פון די שפאנישע קינסטלער ווי

אַזוי צו דינען זיין פאָלק. האָט דאַנטע'ס „געטליכע קאָמעדיע, געקאָנט געשריבען ווערען פון די ערשטע ענגלישע דיכטער, פונקט אַזוי ווי מילטאָן האָט עס דערנאָך געטהון. דאָן-קיכאָט האָט קיינער נישט געקענט שרייבען נאָר אַ שפּאַניער. און פונקט אַזוי ווי די ליטעראַטור. אַזוי איז זייער קונסט. ראַפאַעל איז וועלטליך. אַזוי איז אויך מיקעל-אַנזשעלאַ וועלטליך, אַלמענשליך און אַלצייטליך, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז אפשר מעהר פראַנצויז ווי איטאַליענער, אָבער די שפּאַנישע מייסטער אַחוץ איין גרעקאָ, (וואָס איז איבעריגענס נישט געווען קיין שפּאַניער נאָר אַ גריך), האָבען נאָר ווי דאָן-קיכאָט געקאָנט זיין שפּאַניער. זיי האָבען נאָר געדיענט איין גאָט — און דאָס איז דעם שפּאַנישען פאָלק, זיין גייסט, זיין כאַראַקטער.

*

*

עס איז דער „גרינער דאָנערשטאָג". פאַר יעדער קירכע שטעהט אַ בודקע בעהאנגען מיט גרינע צווייגען, אויסגעפוצט מיט דיוואַנען. אין מיטען העגגען די הייליגע בילדער. פאַר'ן גוי'אישקען בעקער און פאַר דעם גוי'אישקען קיילער (קצב) זענען אויך אַזעלכע בודקעס. די פויערים פון די דערפער האָבען איינגענומען די שטאָדט. אַלע געוועלבער זענען געשלאָסען. די יודען האָבען מורא זיך אויף די גאַסען צו בעווייזען. אפילו אין בית-המדרש צו געהן דאַוונען. מען האָט געזאָגט (מען ווייסט נישט ווער), אַז מען וועט היינט שלאָגען יודען ביי דער פּראָצעסיע. די מאַמע וויל אונז בעהאַלטען אונטער'ן בעט. פון דער גאַס הערט זיך זינגען. מען הערט אַ דין קלינגען מיט אַ קלימפּעריל: זיי קומען-אָן. די מאַמע שליסט-צו די טהיר, מען פערהאַקט די פענסטער. דאָס זינגען קומט נעהנטער, שטאַרקער, און דאָס קלימפּערן העכער. מיט אַמאָל איז אַלץ שטיל געוואָרען. זיי זענען אָנגעקומען צו דער „בודקע" פאַר'ן פוילישען קיילער, וואָס וואוינט געגענאיבער אונז. איך חלש צו זעהן, וואָס עס טהוט זיך אין דרויסען, „ווי עס זעהט אויס", איך שלייך זיך אַרויס פון אונטער'ן בעט, עפען-אויף אין דער שטיל די טהיר. די מאַמע דערזעהט עס, זי ווערט געל און ווייס: געוואַלד,

וואָס טהוסט דו? מען וועט דיך דער׳הרגענ׳ען. מיין יצר־הרע איז שטאַרקער פון מיין שרעק, איך עפען־אויף אַ שפּאַלט פון טהיר און קוק אַרויס. איך האָב עס געזעהן.

אַ ים מיט קעפּ, איבער קעפּ פלאַטערען קירכע־פאָהנען: ווייסע כּלה־מיידען האַלטען אַ חופּה, און צווישען די פאָהנען אונטער דער חופּה הענגט אַ מענש. איך זעה זיינע ווייסע קנאָכעדיגע פיס צוגעקלאַפּט מיט אַ נאָגעל צו אַ קלאָץ, און פון פוס גיסט זיך בלוט. איך זעה — לייכטענדיגער מענשליכער לייב, נאַקעט אין גאַנצען אַזוי ווי די מאַמע האָט איהם געבוירען, און פון זיין לייב רינט בלוט...

איך האָב צוגעמאַכט דעם לאָדען, און מיין פּנים בעהאַלטען צווישען מיינע הענד..

דאָס איז געווען מיין ערשטער איינדרוק פון דער שפּאַנישער קונסט, פון ריבערא.

די קאַטוילישע קירכע האָט אַדאָפּטירט די שפּאַנישע רעאַליסטישע שול פאַר די קירכען־בילדער, ווייל זי, מעהר פון אַנדערע שטעלט־פאַר יעזוס׳ן אויפ׳ן קרייץ מיט רעאַליסטישסטע פאַרבען. דער אונטערגרונד איז שוואַרץ, און פון דער שוואַרצער נאַכט שיינט־אַרויס אַ מענשליכער קערפּער, פיס, הענד, אַ ביינענדיג לייב די הענד און די פיס צוגעהאַקט מיט נעגעל צום קרייץ און פון די לעכער גיסט זיך בלוט. דאָס פּנים דריקט אויס מענשליכע יסורים, פיזישע פיין, קיין איין הויך פון גייסטליכקייט, פון הימלישעס, נור ערדישעס און ערדישעס. יסורים, מאַטערנישען, פיין, אַזוי ווי יעזוס וואָלט געפייניגט געוואָרען אויף אַ משפּט פון אַ אינקוויזיציע. דאָס פאָלק זעהט דאָס, עס זעהט מענשליכע יסורים. עס פערשטעהט עס, עס רודערט אין איהם אויף די שטאַרקסטע עמאָציעס. זיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט רחמים פאַר זיין גאָט, און בעגאָסען מיט כעס אויף זיינע פייניגער. ער ווערט מיטאַריינגעצויגען אין אַ לעבעדיגען פּראָצעס, וואָס שמעקט מיט בלוט. ער דענקט נישט, ער קלערט נישט. — די אמונה ווערט פערוואַנדעלט אין אַ ליידענשאַפט, דאָס וואָס אמונה זאָל זיין.

און דאָס איז שפּאַניען. די גאַנצע אומערבאַרמדיגקייט פון שפּאַנישען כאַראַקטער. זיין אַכזריות, דער אָקסען־קאַמף, די אינקוויזיציע. אַלעס האָט איהר אין דעם רעליגיעזען בילד פון ריבערא. די שטראָמען בלוט, וואָס גיסען זיך אַרויס פון לעכער, און פיס און הענד אין וועלכע עס זענען אין לעבעדיגען לייב אַריינגעשלאָגען געוואָרען אייזערנע נעגעל. די יסורים פון פיזישען פיין, וואָס דאָס מענשען־פּנים דריקט אויס אויפ׳ן בילד, אין וועמענס קערפּער מען האָט אַריינגעשלאָגען די נעגעל — ערוועקט אין אייך שרעק און מיסטישען אַנגסט.

אָבער ריבערא איז נור געווען דער איינציגער רעליגיעזער מאַלער שפּאַניען׳ס. רעליגיעזע קונסט איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר שפּאַניען. דוקא דאָס רעליגיעזע פאָלק האָט זיין קונסט פון דערווייטענס געהאַלטען פון זיין רעליגיע. די שפּאַנישע קונסט איז פאָלקסטימליך. מענשליכעס לעבען. און דאַן, ווען די קינסטלער פון אַלע אַנדערע פעלקער זענען נאָך געווען לעבעדיגע שקלאַפען צו דער קירך, וועלכע האָט זיי אויסגעהאַלטען, און צוליעב דעם איז די גאַנצע אַמאָליגע קונסט געווען אַ קריסטליך־רעליגיעזע — זענען די שפּאַנישע קינסטלער געווען די ערשטע, וואָס האָבען אָנגעהויבען אויפצונעהמען מאָטיווען פון טאָג־טעגליכען לעבען פון דער גאַס, פון אָרים און רייך אין זייערע שאַפונגען. מאָרילא איז געווען איינער פון די ערשטע מאַלער, וואָס האָט נעבען רעליגיעזע בילדער אויך געמאָלען מענשליכע סצענעס פון זיין צייט. זיינע מאָטיווען זענען הומאַנישע, בילדער פון אָרימקייט, פון צדקה, פון ערבאַרמונג און פון הילף, וואָס איין מענש ברענגט צום אַנדערן. ביי דער גאַנצער שטייפקייט, אַריסטאָקראַטיע און ריטערטום, וואָס האָט געהערשט אין שפּאַניען, זענען די שפּאַנישע קינסטלער געווען די ערשטע, וועלכע האָבען זיך אַראָבגעלאָזט צום פאָלק און געמאָלען בילדער פון אָרימען לעבען מיט מענשען־ליעבע און הומאַנישער גוטסקייט. יעדער שפּאַנישער קינסטלער איז אַ אָפען בוך פון זיין צייט, און איהר קאָנט שטודירען די קולטור־געשיכטע, דאָס לעבען, די זיטען פון דער צייט און נאָך עפּעס. די שפּאַנישע קינסטלער זענען דורכאויס רעאַליסטען, נישט פון דעם גראָבען

נאַטוראַליסטישען רעאַליזם, נור פון דעם גוטען אַלט-ווייניגען ראָמאַנטישען רעאַליזם, וואָס איז געקומען צו זיין העכסטער ענט-וויקלונג אין דער רוסישער ליטעראַטור. זיי האָבען זיך נישט גע-מיהט צו פערשענערן זייערע העלדען, נור אויסצוגעפינען די כאַראַקטעריסטישע אייגענאַרטיגקייט פון זייערע העלדען סיי אין וואָרט, סיי אין בילד. מאָרילאַ'ס בילדער זענען מענשליכע דאָקו-מענטען. ער איז אפשר דער איינציגער סענטימענטאַלער שפּאַניער, צוליעב דעם אַליין איז ער ווערט אויפגענומען צו ווערען אין אַ מוזעאום. אָבער וועלאַסקעס?

יעדעס מוזעאום אין דער וועלט איז גליקליך צו בעזיצען אַ קליינעם פּרוב נור פון דעם גרויסען וועלט-קינסטלער. שפּאַניען האָט דריי פיער גרויסע זאַלען. זיין גאַנץ לעבענס-ווערק איז געווען אין מאַדריד — און מאַדריד האָט עס בעהאַלטען פאַר אַלע צייטען. דער קינסטלער פון קעניגען, פּרינצען און פירשטען. דער קינסט-לער, וואָס איז געווען אויף אַ שטענדיגען געהאַלט ביי די „פיליפּען" און קאַרל דעם פינפטען, האָט געדיענט טויזענד מאָל געטרייער זיין קונסט ווי אַלע קעניגען צוזאַמען. קיין איין חנופה, קיין איין פער-שענערונג. ער האָט זיי געגעבען מיט זייער גאַנצער מענשליכער שוואַכקייט. יאָ, קליידער און זיידענע שטאָפען, און העלמען און פּאַנצערס, און בלויע און רויטע פעדערען, און שפּיצען, און טייערע ציהרונג האָט ער איבערגעגעבען מיט דער גאַנצער רייכקייט. פרישע לעבעדיגע פאַרביגקייט, מיט וועלכע גאָט האָט בעשאָנקע זיינע קאָלירען, מיט די ריינסטע פאַרבען, וואָס זענען אויסבעוואַהרט מיט גאָט אין די אונגעזעהענע הימלען. אָבער די מענשליכע פנימער פון די קעניגס און קעניגינס, וואָס ער האָט געדיענט, האָט ער איבערגעגעבען מיט די אונבעהאָלפענסטע מענשליכע שוואַכקייטען, מיט די לאַנגע נעז, מאוס'ע פערקרומטע ליפּען. גאָרנישט איז איהם אָנגעגאַנגען, נור זיין קונסט. און קיינעם האָט ער נישט געדיענט. נור די שטימע, וואָס האָט גערעדט אין זיין האַרץ, אָבער ווי שטאַרק, ווי מענליך שטאַרק זענען זיינע פיגורען. דער „באַקכוס-טאַנץ". די „וועבערס", דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָבען אויף מיר געמאַכט די פּאָרטרעטען פון די כיער קאַרליקעס, וואָס האָבען זיך

אויפגעהאַלטען און דעם קעניגס-הויף, די הויף-נאַרען, די פיער ליליפּופּען, וואָס האָבען געהאַט די אויפגאַבע דעם קעניגס געמיט צו דערפרעהען, און זיין הומאָר אונטערצוהאַלטען, דעם גאַנצען פּראָטעסט פון אַ הירדיגען מענשען, וואָס איז דורך גאָט'ס אַ שטראָף אַראָבגעבראַכט געוואָרען צו דער מדרגה פון אַ הויז-טיער, האָט ער אַריינגעגעבען אין זייערע פּנים'ער, אין זייערע אויגען, אין זייערע פערביסענע מיילער. די ביטערקייט פון דעם קאַליקע, די תרעומות וואָס ער האָט צו זיין גאָט, און דער מיסטישער גורל, וואָס האָט זיך שווער געלעגט אויף זיינע פּלייצעס — אַלעס האָט דער קינסטלער געבראַכט צום אויסדרוק אין די פּנים'ער, און די פּנימער קוקען אייך אַזוי פרעך אָן: אַז איהר דענקט וועגען זיי, וואָס איהר דענקט וועגען יעדען קאַליקע: „ווען ער וואָלט נישט קיין קאַליקע געווען, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט".

בעפאָר דעם קריג האָט דער דייטשער פערלאַג ס. פּישער (וואָס איז אגב אַ יוד) געשיקט דעם דייטשען קונסט-קריטיקער מאַיער גרעפע (וואָס איז אגב אויך אַ יוד) קיין שפּאַניען צו שרייבען אַ בוך וועגען וועלאַסקעס. דער קונסט-קריטיקער איז אַהיים געקומען און האָט געשריבען אַ בוך וועגען גרעקאָ, אַן אַנדערען שפּאַנישען קינסטלער, וועלכער איז ביז דאַן גאָר נישט בעקאַנט געווען. מאַיער גרעפע'ס בוך האָט געמאַכט אַזאַ רושם אין דער וועלט, אַז איבער נאַכט איז גרעקאָ אויפגעשטאַנען תחית-המתים, נאָכדעם, ווי ער איז שוין טויט געווען איבער דריי הונדערט יאָהר. זיינע בילדער, וואָס האָבען ערגעץ-וואו זיך אַרומגעוואַלגערט אויף די בוידימער פון די קירכען, זענען געוואָרען די בעריהמטסטע מייסטער-ווערק פון דער וועלט. זיי האָבען אָנגעהויבען שטייגען אין אונערהערטע פּרייזען. יעדעס מוזעאום איז שטאָלץ געווען צו בעזיצען אַ גרעקאָ. שפּאַניען האָט באַלד געזאַמעלט זיינע בילדער אין איהרע מוזעאומס. היינט ווערט גרעקאָ גערעכענט פאַר איינעם פון די גרעסטע קינסטלער פון שפּאַניען, דעם אָריגינעלסטען. יעדע קירכע, וואָס בעזיצט אַ גרעקאָ, נעהמט אַ ספּעציעלען אָבצאָהל פאַר אַריינגעהען זעהן דאָס בילד. גרעקאָ איז געוואָרען דער גאָט פון די מאָדערנע מאַלער און קינסטלער. קיין קינסטלער האָט אין היינטיגען

טאָג נישט אַזאַ איינפלוס אויף דער וועלט-קונסט, ווי גרעקא

מאַדריד איז נישט אפילו כאַראַקטעריסטיש פאַר גרעקא. גרעקא האָט געלעבט אין טאָלעדאָ, און געוואוינט האָט ער אין דעם הויז פון דעם יודישען שאַץ-מייסטער ר' שמואל הלוי, אונטער דער סינאַגאָגע פון „על-טראַנסיטאַ". דאָרט געפינט זיך אויך זיין מוזעאום אין די גרעסטע זאַמלונג פון זיינע בילדער. איך וועל שרייבען וועגען איהם, ווען איך וועל קומען צו טידאַ. דאָך קען איך זיך נישט צוריקהאַלטען, רעדענדיג וועגען שפּאַנישען כאַראַקטער, נישט צו דעמאָנען גרעקא.

כאָטש גרעקא איז נישט געווען קיין שפּאַניער, דאָך אין זיין כאַראַקטער איז ער מער שפּאַניער פון וועלאַסקעס. טאַקי ער איז נישט רעאַליסטיש וואָס דאָס נעהמט איהם אַרויס פון די רייהען פון שפּאַנישע מייסטערס, דערפאַר איז זיין נשמה, זיין גייסט, זיין אייגערליכער אינהאַלט די קווינט-עסענץ פון דער שפּאַנישער שענהייט. זיינע טיפּען זענען נישט קיין רעאַלע, זיי זעהען אַלע אויס ווי שוועבענדיגע גייסטער, אָנגעטהון אין מענשליכע קליידער, און ער ווייסט אַזוי אויסצונוצען די שפּאַנישע אַלט-צייטיגע קליידונג, אַז עס בעקומט זיך אַן׳איינדרוק, אַז די קערפּערס שוועבען אַרויס פון דער קליידונג. דאָס פּנים איז אַרומגעראַהמט דורך דעם ברייטען שפּיציגען קראַגען, וואָס זיי האָבען געטראָגען אויף די העלזער, און די הענד אויך אָבגעזוימט דורך שפּיצען-מאַנזשעטען — ווערט דאָס מענשליכע פלייש, וואָס גרעקא ווייסט דעם צוצוגעבען אַ הימלישען קאָליר — פערוואַנדעלט אין עפּעס הימלישעס, מלאכים׳דיגעס און גייסטיגעס. זיינע פיגורען בעשטעהען נישט פון מענשלעבע קערפּערס — נור פון עפּעס אַנדערש, וואָס איך ווייס נישט אָנצורופען. זיינע קערפּערס זענען נישט געמאַכט נישט פון פלייש, נישט פון בלוט, נאָר בלויז פון קנאָכען, און די קנאָכען, דאַכט זיך, זענען פריהער אויסגעשליפען געוואָרען, איידער זיי האָבען זיך גענומען פאָרמען אַ מענשליכען קערפּער. זיינע אַלע געשטאַלטען זענען פאַנטאַסטישע. אפילו די טאָג-טעגלעכע קליידונג פון אַ מענטש איז פאַנטאַסטיש אין אירע שוואַרצע קאָלירען, אין אירע ווייסע שפּיצען, מאַנזשעטען און קראַגענס, נור עס איז נישט דאָס ערדישע.

וואָס מען זעהט מיט'ן מענשליכען אויג, וואָס בעגייסטערט אונז אין גרעקאָ. עס איז דאָס הימלישע אין מענשען, וואָס מיר זעהען נישט. ער איז אָהן צווייפעל געווען אַגרויסער גייסט, אַזוי צו קאָנען זעהען מענשען ווי מלאכים. די פּנימער זיינע דרוקען אויס צער און פרייד וואָס האָט גאָרנישט צו טהון מיט דער וועלט, און ער איז געווען איינער פון די ווינציגע וועלט־קינסטלער, וואָס האָט פערשטאַנען אין זיינע רעליגיעזע בילדער צו פערוואַנדלען דעם פיזישען וועה-טאָג פון די קריסטליכע הייליגע און הימלישען צער...

דאָך וואָלט איך גערן געזעהען, אַז זיין איינפלוס אויף דער וועלט־קונסט, און ספּעציעל אויף יודישע קינסטלער — זאָל זיין פיעל וועניגער ווי פון די אַנדערע שפּאַנישע קינסטלער. נישט דער-פאַר, וואָס איך בין נישט אַזוי בעגייסטערט פון גרעקאָ, נור דער-פאַר, ווייל איך געפין, אַז גרעקאָ'ס איינפלוס אויף די קינסטלער איז שעדליך דערפאַר, ווייל איבערנעהמענדיג גרעקאָ, נעמען זיי אויך איבער זיין פערזענליכעס, זיי פערלירען דאַדורך זייער איי-גענס, און ווערען אינגאַנצען אויפגעגעסען פון זיין שטאַרקען כאַ-ראַקטער. זיי ווערען פשוט קאָפּיסטען פון גרעקאָ. גרעקאָ איז נישט קיין וועג, נור אַ זייטען־וועג... איין גרעקאָ איז גוט אַ סך זעננען לאַנגווייליג... דאַגעגען וועלאַסקעס אָדער גויאַ ווייזען דיר נור אָן דעם וועג, אויף וועלכען דו זאָלסט געהן. זיי ווייזען דיר דעם וועג פון לעבען.

גויאַ. — איך שענק דיר גאַנץ שפּאַניען, גיב מיר גויאַ, דערפאַר, ווייל גויאַ איז לעבען. וואו דאָס לעבען — דאָרט בין איך. ער איז אַריינגעדרונגען איבעראַל, וואו דאָס שפּאַנישע לעבען האָט געקוואָלען. ער האָט זיך געפונען מיט די קאָנטראַבאַנדיסטען אויף די בערג, מיט די טענצערינס אין די קאַבאַרעטען, מיט דעם בעל־הבית אין זיין שטוב, מיט דעם שפּאַסען־טרייבער אין מאַרק. ער איז דאָס אָפענע בוך פון שפּאַניען, זיין כאַראַקטער, זיין לעבען פון זיין צייט.

עס איז פאַרנאַכט. דער הימעל פון שפּאַניען האָט זיך צוזאַ-מען מיט אַנ'אויסטערליש דורכגעהילטע בלויע שלייערדיגע נאַכט. און „פּארטע דע סאָל" (טויער פון דער זון) איז בעגאָסען געוואָרען

מיט מענשען. יונג און אַלט, שפּאַנישע מיידלעך בעהאָנגען זייערע קעפּ מיט שוואַרצע זיידענע אויסגעהאָפטענע שאַנטילען, איינגעהילט זייערע געשליפענע קליידער מיט שוואַרצע זיידענע שאַלען, פערבלישצען די גאַנצע „פּאַרטע” מיט דעם בליק פון זייערע אויפגעשניטענע שוואַרצע לעבעדיגע אויגען. זייערע פיסלעך טאַנצען געהענדיג, פון זייערע זיידענע קליידלעך אַרויס. עס שטעהען שוין די שפּאַנישע יונגע־לייט אויסגעשניצטע ווי פון האָלץ אין די ווינקלען און קוקען זיי נאָך. עס שמעקט מיט אַ שטאָך, אָדער מיט אַ מעסער אין אַ זייט פון אַנ,אייפערזיכטיגען מאַן אָדער חתן... יעדעס צודרינגלעכעס אונגעווינשטעס צוטשעפּען זיך צו אַ שפּאַניש מיידעל נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג. די טאַנצענדיגע טריט פון דעם זיידענעם שפּיצען־קלייד זענען זיס־געפעהרליך פערפיהרעריש און ציהען פון דיר אַ לעבעדיגען דאָס חיות אַרויס... די פערבאָרגענע געוואָרפענע בליקען פון הינטער די זשאַנטילען זענען אַנ'איינלאַדונג צו אַ זיסען געטראַנק, וואָס טייל מאָל האָט דער טויט אַרויפגעלעגט זיינע פינגער אויפ'ן ראַנד פון פּוס... און עס שטעהען די רעאַל־שע דין געשניצטע בחורים אין די ווינקלען פון די הייזער אָנגעלעהנט אויף די שטאַנגען פון די לאַמטערען און קוקען נאָך די פערפיהרערישע טאַנצענדיגע טריט פון די זיידענע שפּיצען־קליידער אַרויס — דאָס איז גויא.

נאָך דעם זעלבען אָווענד איז מיר אויסגעקומען צו זעהען די בעריהמטסטע טענצערין שפּאַניען'ס, סינאָריטא בראַזיל. איבערוועקסלענדיג יעדעס מאָל אַנ'אַנדערן קאָסטיום, האָט זי מאַניפעסטירט פאַר אַ בעגייסטערטען פּובליקום די פערשידענע שפּאַנישע טענץ פון אַלע איהרע פּראָווינצען. טראָגענדיג יעדעס מאָל דעם קאָסטיום פון אַן אַנדער פּראָווינץ, האָט זי מיט איהר מאַיעסטעטישער פיגור ווי אַ יונגע קעניגין פאַר איהרע טרייע אונטערטאַנען אין אַ רעליגיעזען טאַנץ, בעוויזען איהר געטליכע פאָלקאָמענע פיגור, יעדעס מאָל אין אַנ'אַנדער בעוועגונג. דאָ נאָכמאַכענדיג די בעוועגונג פון אָקסען־קעמפער, ווען ער בעשיצט זיך מיט זיין רויטען טוך פון די הערנער פון אָקס, דאָ אַרויפוואַרפענדיג דעם קאָפּ, שטאָלץ און מעכטיג, האָט זי מיט איהרע דינע פיס — פיס ווי

אויסגעאַיידעלטע הענד, פּיס ווי אויסגעשליפען פון אַ מייסטער׳ס האַנד, — פער׳שכור׳ט דאָס ענטוזיאַסטישע פּובליקום, דאָס פּובליקום, וואָס איז בעשטאַנען פון ניכטערע מענשען: סוחרים, סוביעקטען, געשעפטס-אַגענטען, אַגענטען פון לעבענס-פערזיכערונג, אַגענטען פון אויטאָמאָבילען, געליעבטע, און ווער ווייסט ווער? וואָס האָבען אַ גאַנצען טאָג שווער געאַרבייט — דאָס פּובליקום פון אַ היינטיגער פערביזנעוועטער שטאָדט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ווילדער ענטוזיאַסטישער רעליגיעזער סעקטע פון מיטעלאַלטער, דאָס טעאַטער אין אַ געהיימען מיסטישען טעמפּעל, די טענצערין אין אַ געטין, אַ געטין, וואָס איז לעבעדיג געוואָרען, אָדער אין אַ כהנ׳טע. דאָס פּובליקום האָט געגוואַלדעוועט, געשריען, געריסען זיך צו דער ביהנע, די היט געוואָרפען אין דער הויך, מיטגעקנאַקט מיט די פינגער צום טאַקט פון טאַנץ, נאָך אַ מינוט, וועט עס זיך אַרויסרייסען אויף דער ביהנע און אַוועק טראָגען די כהנ׳טע אויף די פּלייצעס ערגיץ-וואו אַוועק אין אַ ווילדען וואַלד, און וועט דאָרט פראַוועען דאָס געצען-דיענסט — פון באַקכוס, אפשר אָדער פון אַנדערע, אַלטע פערגעסענע געטער — דאָס איז גויא...

אַז איך האַלט שוין ביי מוזע ומס, מוז איך דערמאָהנען דאָס בעריהמטע מוזעאום פון מיטעל-אַלטערישע פּאַנצערס, מיט וועלכע די בעריהמטע שפּאַנישע ריטערס זענען געווען בעקליידט, און וואָס איז אונז אַזוי גוט בעקאַנט פון די בעשרייבונגען פון „דאָן-קיכאָט“. עס איז דערפאַר אינטערעסאַנט, ווייל די פּאַנצערס האָבען דאָך איינגענומען די וועלט, „די וועלט, אין וועלכער די זון געהט קיינמאָל נישט אונטער“, וואָס איז געווען אונטערטעניג צו די קעניגין פון שפּאַניען. איהר קאָנט דאָרט געפינען די פּאַנצערס פון די ריטערס, וועלכע האָבען איינגענומען די ווילדע מלוכות אמעריקא און מעקסיקא. דאָס זענען דאָך די פּאַנצערס פון די העלדען, וועלכע האָבען זיך געלאָזט אויף קליינע שיפלעך איבער אונבעקאַנטע ימים, און איינגענומען די ווילדע שבטים, לענדער און פעלקער וועלכע זענען ביז דאַן נישט בעקאַנט געווען פון יענער זייט וועלט. דאָרט געפינט איהר אויך די פּאַנצערס און די שווערד פון אונזער פריינדין, די קעניגין איזאַבעלאַ. אפשר מיט דער שווערד האָט זי גע-

איידעלם אברבנל און מיט דער שווערד האָט זי געקלאפּט אין טיש, ווען דער אַלטער אברבנל האָט זיך געוואָרפען צו איהרע פיס, בעטענדיג רחמים אויף זיינע ברידער. די שווערד האָט אויך בעריהרט קאָלומבוס'עס פּלייצעס, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין ערשטער רייזע פון אַמעריקא. נאָר ווען איהר זעהט די אַלע פּאַנצערס, אונטער וועלכע די גרויסע ריטער האָבען זיך בעהאַלטען, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פּאַרצייטענס מלחמה האַלטען, זעהט איהר ערשט וואָס פאַר אַ גרויסע פּחדנים זיי זענען געווען די אַלע גרויסע ריטערס.

איידער איך האָב פערלאָזט דעם מוזעאום האָב איך טאַקע געפרעגט דעם דיענער, צי האָט איהר נישט דעם פּאַנצער פון „דאָן קיכאָט". דער דיענער האָט פערשטאַנען מיין פראַגע און ער האָט מיר געענטפערט: פון „דאָן קיכאָט" האָט ער נישט, אָבער פון „סאַנשטע-פּאַנשע" האָט ער יאָ, און האָט געוויזען מיט אַ בעוועגונג מיט זיין האַנד אויף די אַלע קעניגען און ריטערס, וואָס שטעהען איינגעהילט אין זייערע שטאָלענע קליידער...

די גרויסע ביבליאָטעק פון מאַדריד פערמאָגט העכער זעקס הונדערט טויזענד בענדער, בעזיצט די גרעסטע זאַמלונג פון ביכער און מאַנוסקריפּטען איבער אַמעריקא, האָט אין איהר אייגענטום האַנדשריפטען פון קאָלומבוס'ן, בעריכטען פון זיין ערשטער רייזע קיין אַמעריקא, האָט אַפילו אַ קאַטעכיזם (אַ געבעט-בוך) געשריבען אין אַ בילדער-שפּראַך פאַר אינדיאַנער, וואָס איינער פון די מיסיאָנערען האָט מערפאַסט אין פופצעהנטען יאָהרהונדערט פאַר די אינדיאַנער, גלייך ווי קאָלומבוס האָט ענטדעקט אַמעריקא. האָט אָבער נישט קיין זאַץ גרעץ, און נישט קיין איין ביכעל, וואָס איז נוגע דער געשיכטע פון אידען אין שפּאַניען. דעם גרעסטען דיכטער, וואָס שפּאַניען האָט אַרויסגעגעבען אויף איהר ערד, שלמה בן גבירול, בעזיצט זי נישט אין אָריגינאַל, אויך נישט אין איבערזעצונג. פון דער גאַנצער גרויסער עפּאָכע פון יודישער וויסענשאַפט און דיכטונג אין שפּאַניען געפינט זיך נישט קיין שפור אין איהר בעזיץ. ווען איך האָב דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט איהר דירעקטאָר, אַ הויכען גייסטליכען, האָט ער מיר מיט שטאָלץ אָנגעוויזען אויף אַ

כתובה, וואָס ער האָט שטעהן אין אַ שויבען־שאַנק אונטער'ן גלאָז צוזאַמען מיט קאָלומבוס'עס האַנד־שריפט. די כתובה שטאַמט אָבער פון רוים, און איהר היסטאָרישער ווערט האָט אַזאַ בעדייטונג ווי אַ געוועהנליך בלעטעל שמות...

איידער איך פערענדיג מיין בריעף מוז איך אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַ זאַך, וואָס האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען, וואָס האָט פיעל געמיינזאַמעס מיט יודען. נעמליך, די פרויען־קליידונג. אָרימע פרויען פון פאָלק קליידען זיך אין סאַמעט און זייד. קיין פרוי, מעג זי זיין פון אָרימסטען קלאַס, וועט זיך נישט בעוויזען אין דער גאַס נישט איינגעהילט אין אַ זיידענעם שאַל. די בעטלערינס שטעהען אין דער גאַס און שטרעקען אויס די האַנד נאָך אַ נדבה און זיי זענען איינגעהילט אין אַ זיידענעם שוואַרצען שאַל. דער קאָפּ פון יעדער פרוי און דערוואַקסען מיידעל איז איינגעהילט אין אַ שוואַרצען שלייער (פרויען־היטען זעהט מען ווענינ־גאָר בלויז אין באַרצעלאָנע) און די פּלייצעס אין אַ זיידענעם טוך־אַ מנהג, וואָס איז אַזוי לעבעדיג ביי אונז. יעדע יודישע פרוי מוז שבת אַרויסגעהן אין אַ סאַמעטען קאַפּטענדעל און אַ זיידענעם טוך אינטערעסאַנט איז, אַז נאָך אַ גרויסען פּאָגראָם אין סעוויל האָבען די רבנים פערווערט צו טראָגען סאַמעט און זיידענס — אָבער די „גזרה" האָט זיך נישט אָנגענומען. בעאַיינפלוסט פון די דרשות פון פאַנאַטיקער וויצענטאַ פעררער, וועלכער האָט מיט אַ ספר תורה אין איין האַנד, און מיט דעם קרייץ אין דער צווייטער האַנד אַריינגעריסען זיך אין די שולען און גע'מסרט די יודען, האָט דער קעניג פון שפּאַניען צווישען אַנדערע גזירות, אויך פערבאָטען די יודען צו טראָגען זיידענע קליידער, בעקלאָגט עס דער צייטליכער יודישער שרייבער (שלמה אַלאַטי) „שטאָטס רוישענדיגעס זיידענס מוזען מיר גראָבע קליידער טראָגען" (גרעץ). דעם מנהג פון סאַמעט און זיידענס ווייס איך נישט, ווער עס האָט גענומען פון וועמען: צי מיר פון זיי, אויב נישט זיי פון אונז...

טאָלעדאָ

(טולֵיטולָא)

מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל

אַרויפגעוואָרפען אויף די בערג פון קאַסטיליען ליעגט ווי אַ קרוין די אַלטע איידעלע שטאָדט טאָלעדאָ. עס רינגעלט זי אַרום פון אַלע דריי זייטען דער שטראָמענדיגער טונקעלער טייך טאַיאָ, וועלכער, ווי אַ אונטערגעוואָרפענער שלאַנג, קייטעלט זיך צופיסענס פון דער שטאָדט אַרום איהר. דריי אַלטע מויערען רינגלען אַרום די אַלטע עהרווירדיגע שטאָדט ביז'ן היינטיגען טאָג אריין, דער צייכען פון איהר חשיבות. אַלע דורות האָבען געגאַרט נאָך איהר. די ערשטע מויער, די אַלטע רוימישע מיט איהרע גרויסע זאַמדיגע שטיינער און קלאַסישען גראַדליניגען הויכען טויער. דורך דעם טויער האָבען די רוימישע לעגיאָנערען אַדורכמאַרשירט. די צווייטע מויער. די אַלטע אַראַבישע פון די צייטען פון טאַריק, וועלכער האָט מיט דער הילף פון די יודען אוועקגעריסען די שטאָדט פון די ערשטע קריסטען. דער טויער און די מויער טראָגען אַלע שפורען פון די מיסטישע געהיימניספולע בעהעלטענישען פון די אַראַבער און די דריטע מויער, פון די קאַטאָלישע קעניגען פון קאַסטיליען. פון בארג אַראָב קוקט די שטאָדט מיט איהרע הויכע טורעמס פון איהר קאַטעדראַלע און פעסטונגען. פון דער שטאָדט, באַרג אַראָב, לאָזט זיך דער וועג איבערגעוואָרפען דורך אַנ'אַלטער רוימישער בריק אין די ווייטע וויסטע בערג פון קאַסטיליען. אויף די בערג האָבען געוואַנדעלט דיכטער, די פעלדער האָבען געזעהען דיכטער־אויגען. דער יונגער יהודה הלוי איז נישט איינמאָל אַרויסגעטרעטען אין די פאַרנאַכטען דורך דעם וועג, דורך דער אַלטער בריק

פון דער שטאָדט. דאָ האָט ער צום ערשטען מאָל דערזעהן די לאַנדשאַפט פון די קאַסטילישע בערג, וועלכע ער האָט אַזוי גע־ליעבט צו בעזינגען. אויף די פעלדער האָבען זיינע טריט געוואַנ־דעלט, ווען ער איז נאָך יונג געוועזן. און נאָך אַ דיכטער, אַ אונ־רוהיגער און אַ איינזאַמער, אברהם אבן עזרא, איז דורך די טויערען אדורכגעגאַנגען מיט זיין זעקעל אויף די פלייצעס, מיט זיין שטע־קען אין דער האַנד, ווען ער האָט זיך, אָרים און עלענד, נור בלויז בעלאָדענט מיט זיין געוואַלדיגען גייסט, געלאָזט אין דער וועלט אויף זיין וואַנדלען.

ווי אַלט איז די שטאָדט? די יודען, כדי אויסצווייזען, אַז זיי האָבען נישט גענומען קיין אָנטייל אין יעזוס־ערמאָרדען, האָבען געפונען אַ שטיין, אויף וועלכען עס שטעהט אויסגעקריצט: „דאָס איז דער קבר פון אדורימס, דער דיענער פון מלך שלמה, וועלכער איז געקומען דאָ אהער (קיין טאָלעדא) אויפמאָהנען מס און „פאַ־דאַסקעס״ פאַר׳ן קעניג שלמה, און איז דאָ געשטאָרבען״, אַ בעווייז אַז די יודען האָבען דאָ געוואוינט אין דער צייט פון שלמה המלך. די יודען, כדי אויפצווייזען, אַז זיי האָבען גאָרנישט צו טהון מיט יענע יודען, וואָס האָבען געקרייציגט יעזוס׳ן, האָבען אויסגעוויזען בעשיינפערליך, אַז זיי זענען דאָ אַהער געקומען מיט די פלשתים און האָבען דאָ געשאַפען דעם האַנדעל. און איינער פון די יודישע שפאַנישע דיכטער האָט פערפאַסט אַ ליעד אפילו, וועלכעס הויבט זיך אָן

„די שטאָדט טאָלעדא,
געבויט פון איידעלע העברעער״.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, אין יאָהר שוין 320, דאָס הייסט מיט אַ 16 הונדערט יאָהר צוריק האָט די ערשטע קירכען־פערזאַמלונג, וועלכע איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין טאָלעדא, אָנ־גענומען אַ בעשלוס אָבצושיידען די קריסטען פון די יודען, וועלכע האָבען דאַן אין די ערשטע צייטען פון קריסטענטום געלעבט כמעט צוזאַמען אין אייגענע קהלות, און די אויסערליכע וועלט האָט נישט געמאַכט קיין גרויסען חילוק צווישען קריסט און יוד. דער היידי־שער רוימער, אָדער דער אָנהענגער פון אַפּאָלאָ און ווענוס, האָט

זיך נישט געקאָנט גוט פאַנאַנדערקלויבען אין די מחלוקת'ן, וואָס האָבען געפיהרט צווישען זיך די „געטצען-דיענער" און די „באַר-באַרען", די אָנהענגער פון איינציגען גאָט. און די יודען פון טאָ-לעדא, וועלכע זענען נאָך אין די צייטען פון די וועסט-גאָטען, דאָס הייסט איידער די אַראַבער זענען אַריינגעדרונגען אין לאַנד אַריין, געצוואונגען געוואָרען אָנצונעהמען די קריסטליכע אמונה, האָבען שוין אין יאָהר 654 אָבגעגעבען אַ פריינוויליגע ערקלערונג: אַז פון היינטמאָל אָן וועלען זיי אָבהיטען דאָס קריסטענטום פריי-וויליג מיט אַלע פונקטען און פּראַקטען דאָס יודישקייט. אַז ביז איצט זענען זיי פערפיהרט געווען, אָבער פון היינטמאָל אָן וועלען זיי שוין אָבהיטען אַלע דינים פון דער קירכע. נור מיט איין אויס-נאהם, בעטען זיי זיך — מיט חזיר. פון חזיר זאָל מען זיי בע-פרייען, וואָרום אַז זיי דערזעהען חזיר, שרייבען זיי אין דער ער-קלערונג, אַזוי מוזען זיי ברעכען. אַ עקעל נעהמט זיי אַרום. זיי וועלען זיך אַפילו מיהען צו עסען געקעכטס, געקאָכט אויף חזיר, נאָר פון חזיר זאָל מען זיי פאָרלויפיג בעפרייען. (גרעטץ).

און כדי טאַקע אָבצוהיטען די אַלע דינים, זענען די יודען שוין אַזוי פריה, אין זיבעטען יאָהרהונדערט, געצוואונגען געווען צו פערברענגען די יודישע און קריסטליכע יום-טובים אונטער דער אויפזיכט פון די קריסטליכע גייסטליכע, כדי זיי זאָלען די ערשטע מחלל זיין און די לעצטע אָבהיטען.

אַלץ איז געווען גוט, נאָר דאָס חזיר עסען, זעהט זיך אויס האָבען אפילו די שפּאַנישע דאָנען, „וואָס האָבען זיך געלערנט פון קינדערהייד אָן אומצוגעהן מיט אַ שווערד" נישט געקאָנט אַריבער-טראָגען.

דורך דעם איז קיין וואונדער נישט, ווען דער מאַכמעדאַנער טאַריק האָט זיך דערנעהנטערט צו דער שטאָדט, און די קריסטליכע בעפעלקערונג איז געלאָפען אין די קירכען בעטען גאָט, האָבען די „קריסטען", וואָס האָבען נישט געקאָנט פערטראָגען קיין חזיר, אויפגעעפענט די טויערען און אַריינגעלאָזט די אַראַבער, וועלכע, ווי בעוואוסט, קאָנען אויך נישט פערטראָגען קיין חזיר, און פון דאַמאָלס אָן איז אין פערלויף פון פיעל יאָהרהונדערטער, דורך

דער גאַנצער צייט פון דער הערשאַפט פון די אַראַבער, חזרים פּערוועהרט געווען צו בעטרעטען די עהרענווירדיגע שטאָדט פון טאָלעדא.

היינט איז עס גאַנץ אַנדערש. אַז איך בין אַריינגעקומען גאַנץ פריה-מאָרגען פון מאַדריד מיט׳ן ערשטען צוג אין דער שטאָדט אַריין, איז מיר אַנטקעגען געקומען אַ סטאַדע חזרים, וואָס אַ קיילער האָט געטריבען איבער דער אלטער רוימישער בריק, אין שעכט-הויז אַריין אודאי. און דאָס איז געווען דער ערשטער צייכען, ווי ווייט די צייטען האָבען זיך געענדערט.

וואָרום די אַמאָליגע הויפט-שטאָדט פון די שטאָלצע קעניגען פון קאַסטיליען האָט אַראָבגענידערט צו דער מדרגה פון אַ קליינעם פויער-אָרט פון מאַדריד. איהר בעפעלקערונג בעשעפטיגט זיך מיט שלייפעריי, אויספערטיגען שווערדען און שפּיזען. אַ מלאכה, וועלכע עס האָבען איבערגעלאָזט, נאָך זיך די אַראַבער, ווען זיי האָבען דאָ געוואוינט, און מיט אויסהאָדעווען ציגען און חזרים פאַר דער הויפּט-שטאָדט מאַדריד.

אָבער די שטאָדט זעהט נאָך אויס אַזוי ווי די אַראַבער האָבען זי געלאָזט. עס איז אייגענטליך די ערשטע שטאָדט, וועלכע קומט מיר אויס צו זעהן אין שפּאַניען, וואָס טראָגט שפּורען פון דעם אַלטען שפּאַנישען כאַראַקטער. די גאַסען זענען ענגע און שמאָלע, בעהאנגען מיט לייוועטענע פלאַכטעס פאַר דער זון, אַזוי ווי די גאַסען אין די אָריענטאַלישע שטעדט. ענג קוים אַדורכצוגעהן, די הייזער הויכע, פערדרעהטע, אַלטע, יעדעס הויז איז אַ לאַבירינט. די פענסטער בעהאָנגען, פערמאַכט מיט לאָדענס און בעשלאָגען מיט אייזערנע קראַטעס, די בעריהמטע טאָלעדער אייזערנע באַלקאָנען, און זעהען אויס, ווי אונטער יעדען פענסטער וואָלט זיך געפונען אַ הארעם, אָדער אַנ׳אנדער מיסטישע זאַך. עס איז עפּעס מערקווירדיגעס אין אַזעלכע פערשטעלטע פענסטערלעך. עס דאַכט זיך דיר, אַז עס קוקען צו דיר ארויס פון הינטער די אייזערנע קראַטעס אויגען. אויגען, וואָס ווינקען צו דיר, אויגען, וואָס רעדען צו דיר, און ציהען דיך ווי כשוף צו זיי. דו ווערסט פערוואַנדעלט אין אַ העלד פון „טויזענד און איין נאַכט״. דו ביזט אַ

פרעמדער פּערוואָרפענער פּרינץ, וועלכער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין אויף „אוואַנטורעס", און דאָרט, הינטער די קראַטעס פון די קליינע פענסטערלעך — קוקט צו דיר מיט די פערבאָרגענע, „פערוועהרטע" בליקען אַ בת־מלכּה... נאָר לאָזט מיך צוריקגעהן צו מיין בעשרייבונג.

די הייזער, ווי געזאָגט, זענען הויכע, פערבויגענע. פון די דעכער, פון די קליינע באַלקאָנען קוקען צו דיר אַראָב רויזען. רויזען וואו דו קוקסט און וואו דו זעהסט. די שפּאַניער שטעלען אויס אַ גאַנצען דאַך מיט בלומען־טעפּ. אין יעדען ווינקעל פון הויז, אין יעדער נישע, אין יעדען פענסטערל, אין יעדען באַלקאָן שטעלען זיי אַוועק בלעכערנע, מעשענע, אייזערנע כּלים, אַ פערוואָהרלאָזטען קריג, אַ אָבגעהאַקטען טאָפּ, אַ אַרויסגעוואָרפענע קוואָרט, פילען עס אָן מיט ערד, און לאָזען עס אויף גאָט'ס חסד און אויף דער זונ'ס בעראָט. און די זון פון שפּאַניען קומט און ציהט אַרויס פון די אַרויסגעוואָרפענע כּלים רויטע, רויטע רויזען, און זיי וואַקסען די רויזען, פערוואָהרלאָזט, איבער ווענד, איבער דעכער, איבער קעפּ, וואו דו שטעהסט און וואו דו געהסט. און הינטען, הינטער די רויזען־בעציהרטע פענסטער איז אַ הוי־האַ פון פלייש־מאַרק. יעדעס צווייטע געוועלבעל איז אַ יאַטקע, העגנען אַרויס יונגע אָבגעצויגענע ציגען, קעלבער, קרוליקעס, קעץ, אָדער אַנדערע מיני חיות, וועלכע עקלען דיין שוואַך יודיש האַרץ, און דו שפּייסט אויס מיט אַ „שקץ תשקצנו". און צווישען די יאַטקעס כאַפּען זיך אַריין בשמים־געוועלבלעך, געוועלבלעך פון זאָטלען, און די „בשמים" געהען אויף פון אַלע געוועלבלעך סיי פון די יאַטקעס און סיי פון די זאָטלען... און צווישען די געוועלבלעך דרעפּטשען זיך נאַקעטע קינדער, אייזלען בעלאָדענטע מיט לאָגלען וויין, שוואַרצע ציגען, וואָס מען טרייבט דיר פון די בערג אַראָב און מען מעלקט דיר אויס דיין קוואָרט מילך פון זייערע לאַנגע אייטערס פאַר דיינע אויגען אין מיטען דער גאַס. מיט איין וואָרט דיר דאַכט זיך, אַז דער אַראַבער איז נאָך נישט אַוועק פון דאַנען, און דו געפינסט זיך אין אַ גאַס אין דמשק אָדער אין באַגדאַד...



שול אין טאָלעדאָ.

אָבער וואָס געהען מיך אָן די אַלטע געסלעך פון טאָלעדאָ? געפין איך זיך נישט אין יודישען געטאָ, אין דער שטאָדט, וואו יהודה הלוי און אבן עזרא זענען געבוירען? די שטאָדט פון גרויסע יודישע געלערנטע און דיכטער? די שטאָדט פון גרויסע יודישע געשעהעענישען... און טאלעדא איז דאָך די איינציגע שטאָדט אין שפּאַניען, וואו די יודישע שפורען זענען אָנגעזעהען ביז׳ן היינטיגען טאָג. גרויסע יודישע דענקמעלער. די סינאַגאָגען „על טראַסיטאַ״ און „סט.— מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ״ און דאָס הויז פון שמואל הלוי, יעדער פיהרער וויל מיך אַהין פיהרען אין די סינאַגאָגען. יודען זענען נישטאָ אין טאָלעדאַ. אָבער טאלעדא שטאָלצירט מיט איהרע סינאַגאָגען. דאָס איז איהר פּראַכט און גלאַנץ. טאלעדא האָט אפילו אַ גאַס אַ נאָמען געגעבען אויף דעם נאָמען פון שמואל הלוי, און דאָס ערשטע, וואָס מען געהט בעזוכען, אַז מען קומט קיין טאַלעדאַ, איז נישט די גרויסע קאָטעדראַלע, נאָר די קליינע שוהל אין דער יודען-גאַס. מיין הארץ קלאַפּט, מייגע פיס טרעטען אויף הייליגען באָדען.

אַ שוהל — אַ מאַראַן. פונקט ווי די יודען, אַזוי זענען די שוהלען מיט געוואַלד פערוואַנדעלט געוואָרען אין קירכען...

איך בעטראַכט די שוהלען, און מיין הארץ זינגט אַ ליעד;

אָ, טאָלעדאַ, דו שטאָלץ אין ישראל, בעקליידט אין זיידענס האָבען דיינע מענער ווי פּרינצען, מיט געהויבענע קעפּ, מיט שווערדען ביי דער זייט געטרעטען מיט ווירדע אין דיינע שטילע גאַסען. עס האָבען זייערע פרויען, כלות און טעכטער, פערהילט זייערע קעפּ און אָרימס מיט בלישצענדען שמוק, פערדעקט זייערע פּנים׳ער מיט זיידענע שלייערס, נאָכגעקוקט מיט ווירדע און שטאָלצ-קייט די טריט פון זייערע אויסדערוועהלטע פון די רויזען בעוואַק-סענע פענסטער און באַלקאָנען אַרונטער. ווי אַזוי ביזטו פערוויסט געוואָרען? עס זענען בעוואַקסען מיט גרעזער די וועגען פון דיינע גאַסען. און דיינע שוהלען, דער פּראַכט און גלאַנץ פון ישראל, שטעהען וויסט און לעדיג. ווילדע פויגלען און טויבען וואוינען ביי־טאָג אין די נעסטען, וואָס זיי האָבען זיך דאָ געקלעבט אין די געזימסען, צווישען די פסוקים פון תהלים.

טער האַנד אויסגעהאַקט אין דיינע ווענד. און ביינאַכט קומען די גייסטער פון די, וואָס זענען פאַר זייער אמונה געשטאָרבען, צו טובל'ען זיך אין דער לופט פון דער פערלאָזענער שוהל...

אַ „סאַנטאַ מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ", פרעמדער נאָמען פאַר אַ שוהל. ווער איז דער מייסטער, צו וועמען גאָט'ס גייסט האָט זיך בעוויזען, וועלכער האָט אויסגעהאַקט דאָס מייסטערווערק? עס שטעהען דיינע זיילען ווירדיג און צנועה'דיג, ווי יודישע כלה-טעכטער, און האַלטען מיט זייערע שטאָלצע קעפּ אונטער די אויס-וועבונג פון דער שוהל. שטיל און קיהל איז צווישען די זיילען. געאיידעלט ווערט דער, וואָס האָט די זכיה צו שטעהן אין זייערע שאָטענס, ווי ער וואָלט זיך געפונען צווישען אונבעריהרטע בתולה'-דיגע כלות. יעדער זייל דיינער איז אַ כלה. עס האָבען די גוים מקנא געווען דיין ווייסער צניעות'דיגקייט... דיין איידעלער אונבע-ריהרטקייט און, אָנגעפיהרט פון ווילדען דאָמיניקאַנער ווינצענטי-פערער, האָבען זיי אין יאָהר פיערצעהן הונדערט און עלף מיט דער קראַפט פון שווערד — דאָס איינציגע, וואָס זיי פערמאָגען — אַוועקגעריס׳ן דיך פון דיין גאָט, פאַר וועמענס רוהם דו ביזט אויפגעשטאַנען — און פערוואַנדעלט דיך אין אַ פרעמדען טעמפּעל פאַר אַ פרעמדען גאָט. אויסגעקליבען האָבען זיי דיך פאַר אַ וואוין-הויז פאַר דער מוטער פון זייער גאָט. דיינע זיילען, האָבען זיי געזאָגט, זענען פּאַסענד פאַר איהר אונבעריהרטקייט. און אָנגערופען דיך מיט דעם פרעמדען נאָמען: „סט.מאַריאַ, די ווייסע".—

יאָ, ווייס ביזטו געבליבען, הייליגע שוהל. קיין זאַך האָט נישט געקאָנט פערשוועכען דיין הייליגקייט. קיין גלח נישט פער-גוואַלדיגען דיין אונבעריהרטקייט. נור די אויסדערוועהלטע פון גאָט. געבערענט און געבראָטען פאַר זייער אמונה, האָבען די זכיה זייערע געזויבערטע נשמות צווישען דיינע זיילען צו באָדען. אין דער שטילער טונקעלער נאַכט, ווען גאָט'ס מאַנטעל פאַלט צו מיט חסד איבער די טונקעלע בערגער פון דער אַלטער שטאָדט, קומען זיי אין דער שוהל אַריין, די קדושים און טהורים. זיי דעקען צו מיט זייער אָבגעצויגענער הויט די פנים׳ער פון די פרעמדע געטער וואָס געפינען זיך אין דער שוהל... בלוט צו בלוט, לייב צו לייב.

און בלויז זייערע נאַקעטע נשמות באָדען זיך אין דער שטילער צניעות'דיגקייט, וואָס שוועבט אין דער שוהל פון זייל צו זייל...

איידעל איז די הייליגע שוהל פון דער קהלה פון טאָלעדאָ. רייך איז אָבער די שוהל פון נגיד שמואל הלוי, „על־טראַסיטאָ" מיט דעם פרעמדען נאָמען גערופען. ווי אַ צווילינג־פּאָר זענען זיי ביידע. איז יענע אַ בתולה, איז די — אַ בחור. יונג און שטאַרק און רייך און מיט בחור'ישער שטאָלצקייט. בויען האָט זי געלאָזט דער יודישער שאַץ־מייסטער ביים קעניג פּרעדרא דעם אַכזר. רייך און מעכטיג איז געווען דער יודישער שאַץ־מייסטער. פערציג שוואַרצע שקלאַפען מענליך, פערציג ווייסע שקלאַפען ווייבליך — האָבען בעדינט זיין הויז. אַ גאַסט־מאָל געגעבען זיינע געסט אויף זעק אָנגעלאָדענע מיט גאָלד. מקנא געווען האָט דער קעניג זיין שאַץ־מייסטער אויף זיין פערמעגען און איהם צום טויט פער'משפט, כדי זיין פערמעגען צוצונעהמען. אָבער עס בעדאַרף נאָך דער קעניג דעם יודישען שאַץ־מייסטער און לאָזט איהם דערווייל זאַמלען דאָס געלד. עס געדענקט דער יודישער מאַן גאָט, וואָס האָט איהם גרויס געמאַכט, און פאַר זיין רוהם אַ שוהל געבויט. קומען האָט ער געלאָזט פון אַראַביען דעם מייסטער מאיר אַבדלי און פון קינסטלער מאַכען געלאָזט: זיך — אַ הויז, גאָט — אַ שוהל.

אַ שוהל, אַ שוהל פאַר גאָט. נישט קיין זיילען זאָלען די ציערונג זיין ווי די בעריהמטע שוהל פון דער קהלה פון טאָלעדאָ. נישט קיין פרעמדער פּראַכט און גלאַנץ זאָל רוהמען גאָט'ס לויב, נאָר בלויז דאָס וואָרט פון גאָט.

אויסגעהאַקט האָט דער מייסטער די פסוקים פון תהילים, וואָס רעדען צו אַ אָרימאַנ'ס האַרץ, און זיי ווי יובעלען אין אַ שמוק שטיק אין אַראַבעסקען איינגעזעצט. עס שטראַהלען אַרויס ד' פסוקים פון תהלים פון די וויינטרויבען, פון די זאַנגען, פון ד' בלומען און פון די בלעטער ווי יובעלען. אייביגער שבועות אין צווישען איהרע ווענד. אייביגער פריהלינג, אייביגער יום טוב...

עס האָבען די גוים זי מחלל געווען אין יאָהר, ווען זיי האָבען די יודען פערטריבען און זי אין אַ קירך פערוואַנדעלט. אונטער דעם פרעמדען נאָמען „על טראַסיטאָ" גערופען, און אויך צו

זייער מוטער־גאָט געשאָנקען. פגרים און נבלות פון גראַפען און פירשטען אין איהר בעגראָבען. עס האָבען אָבער נישט געקאָנט די פגרים און נבלות זי אין אַ בית־הקברות פערוואַנדלען. דער יום־טוב זינגט פון איהרע וועגד אַראָב דורך די פסוקים פון תהלים. פער־שעמט, ווי אַרויסגעוואָרפענע, ליגען די מצבות אויף איהר באָדען — עס האָבען ליעב די פייגלען און די טויבען זייערע נעסטען זיך צו בויען אין די אַראַבעסקען, צווישען די פסוקים פון תהלים. גרין שמעקט די שוהל, ווי דאָס געזאַנג פון „לכה דודי", יענס גרויס ליעבע־ליעד, וועלכעס איז צום ערשטען מאָל אין דער שוהל גע־זונגען געוואָרען — זינגט שוין שטענדיג אין דער שוהל.

עס האָבען ענדליך איינגעזעהען די גוים, ווי פרעמד עס פאַ־סען די יודישע שוהלען פאַר קירכען און אויסגערייניגט האָבען זיי דיביידע שוהלען פון די צלמים און פון די געטער, און אין מו־זעאומס זיי פערוואַנדעלט.

אַזוי שטעהען ביידע שוהלען אין דער אַלטער ווירדיגער שטאָדט פון טאָלעדא, אַלס אַ צייכען, אַלס אַנ׳אַנדענקען נאָך דעם לעבען, וואָס דאָ איז געווען אַמאָל.

אַ פּאָר זענען זיי. מענליך און ווייבליך. צוויי גרויסע מצבות אויף דעם לעבען און שאַפען פון די יודען אין שפאַניען. איינע פאַר די זכרים, די אַנדערע פאַר די נקבות...



די אלטע שול אין טאָלעדאָ, געבויט דורך ר' שמואל הלוי. (איצט
אַ קירכע אינטער'ן נאָמען „על טראסיטא".)

טאָלעדא II

טאָלעדא איז די איינציגע שטאָדט אין שפּאַניען, וועלכע האָט אייגנעהיט ביז׳ן היינטיגען טאָג אַריין טייערע און הייליגע דענקמעלער פון דעם יודישען לעבען. דורך זיי קאָן מען האָבען אַ בעגריף, ווי רייך און מעכטיג יודען זענען געווען אין דעם לאַנד. אַחוץ די צוויי בעריהמטע שוהלען, וועלכע רעכענען זיך צווישען שפּאַניען׳ס מערקווירדיגסטע נאַציאָנאַלע דענקמעלער, איז געבליבען אין טאָלעדא דאָס בעריהמטע הויז פון דעם יודישען שאַץ־מייסטער ר׳ שמואל הלוי, וועלכעס איז אַ שטאָלץ פאַר דער שטאָדט טאָלעדא. כמעט דער גאַנצער קוואַרטאַל, אין וועלכען יודען האָבען געוואוינט, איז דערהאַלטען געבליבען ביז׳ן היינטיגען טאָג און רופט זיך מיט׳ן יודישען נאָמען, ווי אויך דאָס שוהל־געסעל אויף דעם נאָמען פון ר׳ שמואל הלוי. דאָ אין דעם קוואַרטאַל, אויף דעם פלעקען אונטער דעם הימעל האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן דאָס ליכט פון דער וועלט דער גרעסטער יודישער דיכטער ר׳ יהודה הלוי. דאָ פון דעם בערגעל אַראָב האָט ער אַריבערגעקוקט אויף די בערגער פון קאַסטיליען, וואָס הויבען זיך מיט זייער גרינעם סאַמעט אויף יענער זייט פון טייך טאַיאָ, און האָבען איהם דערמאָהנט אין די געגענד אַרום ירושלים. די לאַנדשאַפט איז כמעט די זעלבע, און מערקווירדיג, פון קדמונים אָן, פון די ערשטע צייטען, ווען די יודען האָבען זיך בעזעצט אין טאָלעדא, האָבען זיי גערופען מיט נעמען פון ארץ ישראל די שטעדט אין שפּאַניען (זעה אברבנל אין זיין הקדמה צו מלאכים) טאָלעדא אַליין זאָל שטאַמען פון וואָרט „תולדת”. אזו׳י ווי אין ירושלים, געהט אויך דאָ די זון אונטער „מאָראַליש” אויף די קאַסטעליאַנישע בערג מיט אַ

רויט-ליכט, וואָס דערמאָהנט אייך דעם זון-אונטערגאַנג ערב יום-כפור צו „כל-נדרי״ אין אונזערע קליינע יודישע שטעדטלעך, אויף דעם זון-אונטערגאַנג צו מערב-צו האָט דער דיכטער געקוקט, ווען ער האָט געזאָגט דעם בעריהמטען פערז:

„מיין האַרץ איז אין מזרח
און איך בין אין מערב״

„אויף אָדלערישע פליגעל געטראָגען האָסטו אַ טויב, און טיעף אין דיין שויס האָסטו זי געגעסטעלט״...

וואונדערבאַר איז פון דאַנען די אויסזיכט אין די קאַסטיליע-שע בערגער אריין. ווען דו זעהסט פון דאַנען די ווייכע סאַמעטענע בערגער, וועלכע גיסען זיך ווי געהויבענע וועלען איבער אַ ים ווייט ווייט אַוועק אין דער וועלט אריין, נאָגט אַ בענקשאַפט דיין האַרץ און דו ווילסט דיך ווייט אַוועקלאָזען איבער זיי אין ווייטע פרעמ-דע וועלטען. עס איז פערשטענדליך פאַרוואָס נישט יהודה הלוי, נישט אבן-עזרא, וועלכע זענען געבוירען געוואָרען אויף דער ערד, האָ-בען זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען אויף איהר. עס האָט זיי גע-צויגען צו טרעטען איבער די בערג אין דער ווייטער וועלט אריין, איינעם צו זיין „געליעבטסטע״, צו זיין היים נאָך וועלכער ער האָט געבענקט, נאָך ארץ-ישראל, און דעם צווייטען, וואָס איז בעשטראָפט געוואָרען פון גאָט מיט אַ אונרוהיג האַרץ און מיט אַ וואַנדער-גע-מיט (ווי יעדער עכטער דיכטער איז געשטראָפט) צום „ציון״ פון דער גאַנצער וועלט, צום „ירושלים״ וואָס ליעגט נישט אין אַ בע-שטימטען פונקט פון ערד-קוגעל נאָר צו דעם אונגעזעהענעם „ירושלים״, צו וועלכע אונזער גורל, אונזער מזל שלעפט און ציהט אונז און בענקט אין אונז אונבעוואוסט, צום „ירושלים״ פון וואַנד-לער — צו דער וועלט אין דרויסען... אין איין שענעם טאָג האָ-בען זייביידע געשפרייזט איבער אָט יענע בערגער, געצויגען פון כשוף פון זייערע בענקשאַפטען. איינער צו אַ „היים״, דער צוויי-טער ווי אַ ריכטיגער וואַגעבונד צו דער „אָהן אַ היים״...

דאָס הויז פון דעם נגיד שמואל הלוי איז נישט גרויס, בעשיידען, נאָר אויסגעשטאַטעט מיט אַזאַ אינערליכער שענקייט, רו-היקייט און אַ הויזליכער אטמאָספער, אַז עס גיעט אַ גוטען בעגריף

פון דעם אַרט לעבען, וואָס האָט דענסמאָל געפיהרט אַ יודישער שר און נגיד. נור דאָס יודישע לעבען, וואָס געפינט זיין גליק אין הויז, אין זיין פאַמיליע האָט געקאָנט בעשאַפען אַזאַ היים... דאָס הויז איז אין פערלויף פון די יאָהרען פיעל איבערגעאַנדערשט געוואָרען. אַ געוויסע צייט האָט דאָרינגען געוואוינט דער בעריהמטער שפּאַנישער מאַלער על־גרעקאָ, וועלכער האָט געמאָלען אין דעם הויז זיינע בעריהמטע בילדער. דאָך האָט די שפּאַנישע רעגירונג געלאָזט צוריקשטעלען דאָס הויז אין זיין פריהערדיגען אויסזעהן, אַזוי אַז עס גיעט אַ ריכטיגען בעגריף פון זיין אָריגינאַל. דער צענטער פון הויז איז דער „הויף“ אָדער די האַלע. אויסגעפלאַסטערט מיט וואונדערבאַרע מאַרמאָר־שטיינער אין אַלע קאָלירען שפּילט אַ פרישער קוואַל אין מיטען הויף פון אַ פאָנטאַן אַרויס. קליינע פאָנטאַנען זענען אָנגעבראַכט געוואָרען אין אַלע ווינקלען פון דעם קליינעם נאָר חן׳עוודיגען הויף. וואַסער איז די שענסטע און ערקוויקענדיגסטע ציערונג אין אַ אָריענטאַליש הויז. זומער־צייט, אונטער אַ פערשטעלטען הימעל זענען געזעסען די מענער אַרום די מאַרמאָרענע בענק, וועלכע זענען געווען אויסגעלעגט מיט טייערע טעפּיכער, און צום אָנגענעהמען גערויש פון פרישען וואַסער, וואָס האָט זיך ווי אַ געזאַנג געגאָסען פון די פאָנטאַנען, האָבען זיי דיסקוטירט איבער דיכטונג און פילאָזאָפיע אין שאָטען פון די רויזען־בעקלעטערטע ווענד... זייערע פרויען און כלות זענען אויסגעזעסען בעהאַלטען אונטער די זיידענע פאָרהאַנגען אויף דער הילצערנער גאַלעריע, וועלכע געהט אַרום דעם גאַנצען הויף, און זיי האָבען זיך צוגעהערט צו דעם ערנסטען געשפּרעך פון די מענער מיט ווירדע און דרך ארץ. דאָ, אין אַזאַ האַלע, איז צום ערשטען מאָל געלייענט געוואָרען די דיכטונג, וואָס האָט מחבר געווען אַ יונגער פערשפּרעכענדער משורר, וועלכער איז דענסמאָל, ביי נישט־יודען ווי ביי יודען, מעהר געשעצט געוואָרען, איידער אַ מלחמה־העלד. דאָס הויז פון אַזאַ נגיד איז געווען דער מיטעל־פּונקט פון יודישער לעהרע, וויסענשאַפט און דיכטונג. אַ הוץ דעם וואָס דער נגיד איז אין מעהרסטע פאַלען געווען אַליין אַ דיכטער, אָדער אַ גרויסער תלמודיסט, אַ געלערענטער, ווי עס איז געווען ר׳ שמואל הנגיד פון גראַנאַדאַ, וועלכער האָט

געהאַט צו פערדאַנקען זיין שטעלונג אין הויף זיין געלעהרטקייט־
פּאָדער חסדאי — האָט דער נגיד געזאַמעלט אַרום זיך די אַלע גע־
לערענטע, דיכטער, און זיי אויסגעהאַלטען פון זיין טיש. דורך דעם
איז דאָס הויז פון אַזאַ נגיד געווען דער מיטעל־פּונקט פון אַלגע־
מיינער און יודישער געלעהרנטקייט. דאָ זענען זיך צונויפגעקומען
די יודישע מיט די אַראַבישע אָדער קריסטליכע געלערנטע. פון
דאַנען זענען בעטראַכט געוואָרען די שטערען פון הימעל און אויס־
גערעכענט געוואָרען זייערע בעוועגונגען. די דיכטער האָבען איי־
נער דעם אַנדערען מיטגעטיילט פון זייערע בעאָבאַכטונגען אין דער
נאַטור. די קריטיקער און די שפּראַכען־קענער האָבען דאָ צום ערש־
טען מאָל פאָרגעבראַכט פאַר׳ן נגיד די כללים פון דער העברעאי־
שע שפּראַך. און כאָטש אין דער צייט, ווען ר׳ שמואל הלוי׳ס הויז
איז אויפגעשטאַנען אין טאָלעדאָ איז שוין לאַנג די גאָלדענע עפּאָ־
כע פון דער שפּאַנישער יודישער קולטור געווען פאַרביי, כאָטש
דער לעצטער גרויסער משורר ר׳ יהודה אלחרוזי איז שוין לאַנג
געווען טויט, טאָלעדאָ האָט שוין לאַנג געהאַט פערלוירען איהר
פּראַכט און גלאַנץ — דאָך איז נישט איין העברעאישער שיר, נישט
איין פילאָזאָפישער שפּרוך געהערט געוואָרען צווישען די דאָזיגע
ווענד.

יעדע שטאָדט אין שפּאַניען האָט דאַמאָלס געהאַט איהרע
נגידים. יעדער שפּאַנישער קאַליף אָדער קעניג האָט זיך נישט
געקאָנט בעגעהן אָהן אַ יודישען שאַץ־מייסטער. קאָרדאָווא האָט
געהאַט איהר בעריהמטען חסדאי איבן שאַפּרוט, סאַראַגאָסאַ — איהר
יקותיאל איבן האַסאַן, גראַנאַדאַ איהר בעריהמטען שמואל הנגיד,
און טאָלעדאָ, כאָטש שפּעט, איהר שמואל הלוי. דער נגיד, אַ חוץ
זיין אָפיציעלער שטעלונג ביי דער רעגירונג, איז געווען אַ מין
קליינער קעניג איבער די יודען פון זיין קהלה. ער האָט פון זיי
איינגעמאָהנט, ווי פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, מס פאַר׳ן קעניג.
אין זיין האַנד איז כמעט געווען דער טויט און דאָס לעבען פון
די יודען. (דער יודישער בית־דין האָט געהאַט רעכט צו פערמשפּט׳ן
צו טויט־שטראָף אין שפּאַניען). דער אויספיהרער איז אָבער געווע
דער נגיד. ער האָט געזאַמעלט אַרום זיך די געלערנטע און די־



דאס הויז פון יידישן שאַץ־מייסטער ר׳ שמואל הלוי אין טאָלעדאָ (איצט א מו־זעאום).

דיכטער. און דאָס גאַנצע יודישע לעבען איז געווען אָבהענגיג פון איהם. וועגען דעם ווי אַזוי אַזאַ נגיד האָט געלעבט, גיעט אונז אַ בעגריף דער פאַקט, אַז ווען מען האָט געפאַנגען געגומען ר׳ שמואל הלוי אויף דעם בעפעהל פון דאָן פעדרא, האָט מען געפונען אין זיין הויז אַכציג מעגליכע און ווייבליכע מאָרישע שקלאַפען, 160.000 גאָלד דובלאָנען, 4 טויזענד זילבערנע טאָוולען און 125 קאַסטענס מיט גאָלד בראָקאַד און זיידענשטאָפען.

אָפטמאָל האָט אַ נגיד געפיהרט זיך ווי אַ טיראַן איבער דער יודישער קהלה, איבער וועלכער ער האָט געהערשט. בעזיצענדיג די מאַכט פון דער רעגירונג, האָט ער מיט אַן׳אייזערנער האַנד געהערשט איבער דעם פאָלק. פון זיין גענאַד איז אָבהענגיג געווען דער גורל פון דיכטער און געלערענטע. דורך דעם פלעגען איהם די דיכטער חנפ׳נען און פערבערענגען זייער צייט מיט שרייבען איבערגעטריבענע לויב־ליעדער איבער זיין גרויסקייט, רייכקייט און מעכטיגקייט. אפילו די גרעסטע יודישע דיכטער זענען נישט ריין געווען דערפון. ווייל זיי זענען פשוט געווען אָבהענגיג פון נגיד. יהודה הלוי האָט געשריעבען פיעל חניפה ליעדער, אפילו דער גרויסער שלמה אבן גבירול, דער אייביגער פעסימיסט, וואָס האָט, דאַכט זיך, גאָר שוין נישט געהאַט צו פערלירען. נאָך דעם ווי די יודען פון סאַראַגאָסאַ האָבען איהם פערטריבען און ער האָט געפונען שוץ אין גראַנאַדאַ ביי שמואל הנגיד, בעגריסט ער איהם מיט איבערגעטריבענע לויב־געזאַנגען. און ווי דער גרויסער חסדאי שאַפרוט איז זיך בעגאַנגען מיט׳ן ערשטען העבּרעאישען שפראַך־פאָרשער און מחבר פון ערשטען העבּרעאישען ווערטער־בוך מנחם בן ברוק, ווען חסדאי האָט אָבגעווענדעט זיין חסד פון איהם און צוגעבויגען זיך צו מנחם׳ס געגנער דונש בן לברט — וועלכער האָט איהם געוואוסט בעסער צו חנפ׳נען — איז גוט בעקאַנט. דאָס הארץ ווערט צושניטען לעזענדיג די תחנונים און בקשות, וועלכע עס לעגט צו די פיס פון זיין ברויט־געבער דער גרויסער יודישער געלערנטער מנחם. דער יודישער נגיד חסדאי האָט געלאָזט דעם געלערענטען מנחם אום שבת גוט אָנשלאָגען און פון זיין הויז אַרויסוואַרפען: „ווען איך וואָלט אפילו דער גרעסטער פערברעכער געווען, בעט

זיך ר׳ מנחם אין זיין בקשה-בריעף ביים נגיד — וואָלסטו נישט בעדאַרפט אום שבת און יום-טוב צו בעשטראָפען". „דו האָסט מיך ווי אַ גאָט געמשפט". דערויף האָט דער יודישער נגיד געלאָזט ענטפערען דעם אָרימען געלערענטען: „ביסטו שולדיג, האָב איך דיך דורך דער שטראָף בעסער געמאַכט. ביזטו אונשולדיג, האָב איך דיך דורך אונפערדיענטען צער פאַר אַ גרעסערען צדיק געמאַכט". זעהר כאַראַקטעריסטיש איז אַ בעשרייבונג פון לעבען און פיהרען זיך פון די שפאַנישע נגידים, וואָס בעשרייבט איינער פון יענער צייט שלמה אלמי אין זיין ספר „אגרת מוסר".

„די מייסטען יודישע גרויסע, וועלכע פערקעהרען אין די קעניגליכע הויפען, — שרייבט דער מחבר פון „אגרת מוסר" — וועמען עס איז איבערגעגעבען געוואָרען דער שליסעל פון די שאַץ-קאַמערס, בענעהמען זיך מיט זייערע גרויסע שטעלען, שטאָלצירען מיט זייער רייכקייט און געדענקען נישט אָן די אָרימע. זיי בויען זיך פאַלאַצען, פאָהרען אויף פראַכט-וועגענער, רייטען אויף געשמוקטע מויל-אייזלען. טראָגען רייכע געציהרטע קליידער, און בעשמוקען זייערע פרויען און טעכטער ווי פירשטען-טעכטער מיט גאָלד, פערלען און איידעלשטיינער. זיי קלערען נור וועגען דעם, ווי זיך אַליין צו בעפרייען פון שטייערן, און דעם לאַסט פון מס אויף די אָרימע קלאַסען אַרויפצוואַרפען. די רייכע ליבען טאַנץ און שפיל. פוצען זייערע בערד, פילען אָן זייערע מאָגענס מיט בעסטע מאכלים ווען די געלערנטע און תלמידי חכמים שטאַרבען פאַר אַ שטיקעל ברויט און אַ טרונק וואַסער. אין דער שוהל ביים דאווענען און דרשה געבען זיי זיך איבער אין זיסען דרימעל — אָדער רעדען פון זייערע געשעפטען" — — — —

(ציטירט נאָך גרעצ׳ן)

די קאַטעדראַלע פון טאָלעדאָ איז זעהר בעריהמט, אין איהר זאָל האָבען שוין אַזוי פריה ווי אין פערטען יאָהר-הונדערט פערזאַמעלט געווען די ערשטע קריסטליכע גייסטליכע פערזאַמלונג. אויך זאָלען זיך געפינען אין איהר מאַנכע רעליקווען פון הייליגע, וועלכע קאָנען בעווייזען וואונדער. מיך האָט דאָס אַלץ וועניג וואָס

אינטערעסירט. אויב איך בין געגאַנגען אָבגעבען מיין בעזיך דער עהר־ווירדיגער קאַטעדראַלע, איז עס געווען ערשטענס דערפאַר, ווייל זי האָט אַ שייכות מיט דער אינקוויזיציע, און צווייטענס, ווייל אין איהר שאַץ־קאַמער געפינט זיך אַ „קאַסטאַדאַ" (אַ קונסט־געאַר־בייטע קירכען־כלי) פון דעם גאָלד, וואָס קאָלומבוס האָט געבראַכט פון אַמעריקאַ. איך האָב געזעהן די קאַסטאַדע, איהר אַרבייט זאָל זיין אַ וואונדער פון גאָלד־שמידעריי, נור מיך האָט מעהר אינטערע־סירט דאָס מאַטעריאַל פון וואָס זי איז געאַרבייט איידער איהר קינסטליכע אויסאַרבייטונג. איך האָב זי אָנגעקוקט און בעטראַכט, און געטראַכט, די כלי האָט געקאָסט שפּאַניען דאָס גאַנצע גאָלד פון אַמעריקאַ. די שפּאַניער זענען אַראָבגעקומען קיין אַמעריקאַ צו זוכען גאָלד און זיי האָבען נישט געזעהן דאָס גאָלד וואָס געפינט זיך אין זייער ערד, אין זייערע וועלדער, אין זייערע וואַסערן... דאָס ביסעלע גאָלד, וואָס קאָלומבוס האָט אויסגענאַרט פון די אינדיאַנער פאַר די גלעזערנע „פּאַטשערקעס" און קרעלען וואָס ער האָט זיי פערקויפט, האָט ער צוריקגעבראַכט קיין שפּאַניען, און די קעניגין איזאַבעלאַ האָט עס געשאָנקען דער קאַטעדראַלע פון טאָלעדאָ אויסצואַרבייטען אַ געשאַנק פאַר דער קאַטעדראַלע פון טאָלעדאָ. היינט קאָן איין אַמעריקאַנער באַנק מיט דעם גאָלד וואָס געפינט זיך אין איהרע שטאָהלענע קעלערס אָבקויפען גאַנץ שפּאַני־ען מיט אַלע איהרע קאַטעדראַלען...

די שפּאַניער האָבען זעהר נישט גערן צו הערען דערמאָהנען דאָס וואָרט „אינקוויזיציע" און ווען איהר דערמאָנט ביי היינטיגען טאָג אַ שפּאַניער דאָס דאָזיגע וואָרט — בעליידיגט ער זיך. זיי האָבען זאָרגפעלטיג בעהאַלטען אַלע שפּורען פון דער אינקוויזיציע און עס איז זעהר שווער אויסצוגעפינען, וואו עפּעס געפינט זיך. די אינקוויזיציאָנס־געפענגענישען און טאָרטור־קעלערס, וועלכע גע־פינען זיך געגענאיבער דעם הויפּט־איינגאַנג פון דער קאַטעדראַלע האָבען זיי פערוואַנדעלט אין אַ אייזעל־שטאַל (הערמאַנדאַד), מיט גרויס מיה קאָן מען זיך אַראָבלאָזען אין דעם שמוציגען שטאַל, און אויסגעפינען די אונטערערדישע קעלערס מיט די דיקע ווענד, די קליינע לעכער, דורך וועלכע מען האָט אַריינדערלאַנגט די געפאַנ־

גענע דאָס עסען, און די האָקעס ביי וועלכע זיי זענען געווען צוגעבונדען. זעלבסטפערשטענדליך, האָבען זיי דערוויטערט פון די אינקוויזיציאָנס-קעלערן יעדען שפור, וואָס זאָל דערמאָנען אין יענער שרעקליכער צייט. — אָבער די טונקעלע גרויזאַמע ווענד, די שווערע אייזערנע טהירען, די פינסטערע לעכער אין דער וואַנד גיבען דאָך אַ קלאָרען בעגריף פון די אונמענשליכע טרויעריגע געשעהענישען. (אַ אינקוויזיציאָנס-געפענגניש מיט אַלע זיינע מכשירים האָט זיך דערהאַלטען אַ גאַנצע אין האאג, אין האָלאַנד, וואו די אינקוויזיציע האָט דורך דער צייט פון דער שפּאַנישער הערשאַפט שרעקליך געבושעוועט) דאָך איז מיר געלונגען צו ענטדעקען דאָס אינקוויזיציאָנס-געסעל דורך וועלכען מען פלעגט די קרבנות טרייבען, וועלכעס האָט זיך ערהאַלטען מיט דעם גאַנצען אייגענאַרטיגען כאַראַקטער ביז'ן היינטיגען טאָג.

די אויטאָריטעטען פון שטאָדט האָבען אָנגעזאָגט די פיהרער'די פרעמדע בעזוכער נישט צו ברענגען אין יענעם געסעל, דאָס געסעל איז טאַקי בעהאַלטען פון מענשענס אויגען. איך האָב געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון אַזאַ געסעל און וויפיל איך האָב זיך נישט געמיהט אויסצוגעפינען דאָס געסעל — איז מיר נישט געלונגען. ביז ענדליך פאַר אַ גוטען באַקשיש האָט מיך אַ פיהרער אין אַ פאַרנאַכט דאָרט אַהינגעפיהרט.

עס מאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק, און איך קאָן זיך נישט בעפרייען פון דעם איינדרוק ביז היינטיגען טאָג.

שטעלט אייך פאָר אַ שמאָל ענג געסעל, וועלכעס פיהרט אַדורך דורך לאַנגע פינסטערע געוועלבען פון הייזער, וועלכע זעהען אויס ווי טונקעלע קאָרידאָרען פון לאַבירינטען. קיין איין געשעפט, כמעט קיין איין פענסטער געהט נישט אַרויס אין דעם געסעל, נור די אונטערשטע מויערען פון הייזער און הויכע פאַרקענס פון גערטנער. יעדען צעהנטען טריט אָבגערוקט, הענגט אַ נאַקעטער, קאַלטער אייזערנער קרייץ, גאַרנישט מעהר נאָר אַ קרייץ איבער דער טויטער גרויער וואַנד, און אַנ'אייזערנע לאָמטערן צוקאָפּענס דעם קרייץ. דורך דעם געסעל פלעגט מען די פערדעכטיגע מאַראַנען אַדורכטרייבען פון דער געפענגניש ביי דער קאַטעדראַלע צום טריבונאַל

פון דער אינקוויזיציע. די, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען ביי זייער ייִדישער עקשנות, זענען נאָר איינמאָל אַדורכגעטריבען געוואָרען דורך דעם געסעל פון טריבונאַל און זענען געהאַלטען געוואָרען אין די אינקוויזיציאָנס-קעלערס ביז צו א גרויסען קירכען יום-טוב, ווען מען האָט זיי פערברענט אויף די שייטער-הויפענס. די אָבער וועלכע זענען שוואך געווען און מודה געווען זיך אין זייער שולד, זענען געווען אָפטע געסט אין דעם געסעל. צו יעדען קירכען יום-טוב, צו יעדער פראָצעסיע פלעגט מען זיי פערבייטרייבען אָנגעטוהן אין זייערע „תשובה"-העמדלעך דורך דעם געסעל. דאָס געסעל איז געווען די „וויא דאָלאָראָזאַ", דאָס ליידען געסעל פון די מאַרטירער. נאַקעט און באָרוויס, נור בעקליידט מיט דעם „תשובה"-העמדעל, אויף וועלכען עס זענען געווען אויסגעמאָלען געשטאַלטען פון טייוולאָנים און מכשפות — האָבען זיי זיך געמוזט וואַרפען פאַר יעדען קרייץ צו דער ערד, מודה זיין זיך צו די זינד, און די מלאכי-חבלה פון דער אינקוויזיציע, מיט פייער-צינגען, און אַנדערע מכשירים, האָבען געריסען פון זייערע לייבער שטיקער לעבעדיג פלייש, בעגאָסען זיי מיט זידיגער שיטקענדיגער פליסיקייט, פערשעמט און דערנידעריגט זיי, אין די אויגען פון קרייץ, און אָנגעטהון אונמענשליכע אכזריות'ן. די קרייצען זענען פון הארטען אייזען — און עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען צלמים פון דער אינקוויזיציע...

אַז איך בין אַהיים געקומען פון דעם געסעל, בין איך געווען טרויעריג און דערנידעריגט. דער טונקעלער פאַרנאַכט, די שרעקענדיגע שאָטענס פון די טונקעלע געוועלבען און שוואַרצע קאָרידאָרען, די טויטע שטילע ווענד. די גרויזאַמע אייזערנע קרייצען, וועלכע האָבען אַזוי פיעל מענשליכע ליידען זיך אָנגעזעהן; ענדליך די שאָטענס פון די מאַרטירער, וואָס עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי זענען אָבגעשפּיגעלט געוואָרען אויף אייביגע צייטען אין די שוואַרצע פלעקען פון די ווענד — די זיפצען, די געוואַלדען, די געוויינען און געשרייען, וואָס האָט זיך מיר געדאַכט נאָך צו פערנעהמען פון יעדען פערבאָרגענעם ווינקעל, פון יעדען בעהאַלטענעם לאָך — האָבען א שרעק אָנגעוואָרפען אויף מיר, געדריקט מיין

געמיט און ארויסגעכשופט פון מיין בלוט חלומות, וויזיעס, גע-
שטאלטען און טהאטען, וואס איך האב געמוזט זעהן אמאל אין
אנ'אנדער לעבען און וועלכע שלומערן נאך אין מיר. עס האט זיך
מיר געדאכט, אז איך בין איינער געווען פון די מארטירער, ניין,
איך בין נאך איינער פון זיי, — און איבערגעלעבט נאך אמאל
זייערע לייד. א מידער האב איך זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל
פון א שטילער גאס, אין א קאפע-הויז, און געהייסען מיר געבען א טרונק
זיך צו דערפרישען. אין דעם האט מיך א געזאנג אויפגעוועקט. איך
האב געמיינט, אז איך חלום. איך האב זיך געפונען אין א שוהל
איינגאנצען בלויכטען מיט ברענענדיגע גרויסע ליכט — גארנישט
זעה איך, נור טליתים, קיטלען און תכריכים. צי איז עס אין אונ-
זער אלטער היים? צי ערגעץ וואו אין אנ'אנדער לעבען?
אין איינעם פון די פערבארגענסטע קעלערס אין דער שטאדט האב
איך געהערט דאס ליעד פון געפייניגטע פרינצען, „כל נדרי" —
און דער אויסגעוועהטאגטער נגון, וועלכער האט א צויבער-קראפט
אין יעדען יודישען געמיט, איינגעפלאנצט פון אונזער קינדהייט
אן — האט מיך אריינגעבראכט ווי אין א כשוף, איך האב נישט מעהר
געוואוסט וואו איך געפין זיך. איך בין צוריק א קינד געווארען,
מיט דעם גאנצען פלאם, מיט דער גאנצער אונבעריהרטקייט פון
פון מיין אמונה, איך געפין זיך נעבען מיין פאטער אין דער שוהל
פון קוטנא. אויף מיין קאפ רוהט נאך די ברכה, וואס דער טאטע
האט מיר געגעבען מיט א הייסער טרעהר פון זיין אלט אויג, איי-
דער איך האב די היים פערלאזט אין שוהל צו געהן. איך זעה
מיין מוטער אין ווייסען אנגעטהון, איהר מחזור אין ווייסען טיכעל
איינגעבונדען אונטער'ן ארים, און איך הער דעם חזן זינגען מיט
א טרויעריגען נגון דאס מארטירער-ליעד פון אונזערע קדושים...

צי חלום איך? וואו געפין איך זיך? איך האב זיך ראש
אומגעקוקט. עס איז נישט געווען דער קוטנער חזן אין דער קוט-
נער שוהל, וואס האט געזונגען. עס איז געווען אנ'אלטער בלינדער
קאסטיליאנישער בעטלער, וועלכער איז געשטאנען פאר דער טיהר
פון שענק, און האט געזונגען אנ'אלט מאדיש-שפאנישע באלאדע פון די
צייטען, ווען די מארען זענען נאך דא געווען, מיט'ן נגון פון „כל נדרי"...

אַ יום־טוב אין גראַנאַדאַ

פון צעהן אַ זייגער אין דער פריה ביז שפעט אין דער נאַכט האָט מיך אַ פלינקער שנעל־צוג אַוועקגעפיהרט פון דעם האַרץ פון די קאַסטילאַנישע בערג, איבער אָהן אַ שיעור אינטערעסאַנטע פעלדער, ביז צו די שנעע־רוקענס פון סיערראַ נאָוואַדאַ ביי די ברעגען פון אַפריקאַ.

עס איז שוין געווען אין מיטען דער נאַכט, ווען אונזער וואָגען האָט מיך געפיהרט איבער די אַלטע גאַסען פון ר' שמואל נגיד'ס שטאָדט גראַנאַדאַ צו דעם אלהאמבערא־באַרג. די נאַכט האָבען מיך איינגעשלעפערט די זינג־פויגעל פון דער אלהאמבערא, און דער שטאַרקער פעפער־גערוך פון די מירטען־גערטנער פון די מאָרישע סולטאַנען.

צומאָרגענס איז געווען דער „גרינער דאָנערשטאָג", אַ טאָג אויף וועלכען מען קומט זיך צונויף פון גאַנץ שפּאַניען צו זיין אָנוועזענד ביי גרויסאַרטיגע קירכען פּראָצעסיעס, וועלכע ווערען אין דעם טאָג אָבגעהאַלטען אין גראַנאַדאַ מיט דעם גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ פון איזאַבעלאַ'ס און פערדינאַנד'ס צייטען. איך האָב זיך געפעדערט גאַנץ אין דער פריה און בין אַרונטער אין דער שטאָדט צו דער קירכען־פּראָצעסיע, נישט זעהענדיג. פריהער די אלהאמבערא. די גאַסען זענען שוין געווען פול מיט פויערים און פויערטעס, אָנגעטהון אין זייערע שפּאַנישע טראַכטען. די מענער אין שטייפע סעווילישע צילינדער־היט מיט ברייטע, ברייטע ראַנדען און גאַנץ שמאָלע שפּיץ־אַרטיגע קאָפּ־פאָרמען, און רויט־סאַמעטענע זשאַקעטען, אויסגעהאָפטען מיט קרעלען און פליטערלעך, ווי די אָקסען־קעמפער. די פרויען, וועלכע האָבען מעהרסטענס געריטען אויף אויס-

געפוצטע אייזלען אָדער מויל-טיערען, האָבען געטראָגען זייערע בעקאַנטע גרויסע קאַמען אין דעם רויזען-געפּוצטען שוואַרצען קאָפּ האָר, און איינגעהילט אין אויסגעהאַפטענע פיעל קאָלירענדיגע ברייטע שפאַנישע שאַלען. די גאַנצע שטאָדט האָט זיך געטונקט אין קאָלירען. אַלע הייזער זענען געווען בעפוצט מיט פעהנער, פון די באַלקאָנען האָבען אַראָבגעפאַכעט די פערשיעדענע קאָלירטע דעקעס פון די טייערע אויסגעהאַפטענע דיוואַנען ביז צו געוועהנליכע ווייסע געוואַשענע לייַלעכער, און אַלע דעכער זענען געווען בעשטעלט מיט בלומען-טעפּ, פון וועלכע רויטע רויזען האָבען ארויסגעשיינט אין דער זון אַזוי, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שטאָדט גרייט זיך צו אַ גרויסער מאַניפעסטאַציע, לכל הפחות צום איינצוג פון איזאַבעלאַ און פערדינאַנד, נאָך דעם, ווי זיי האָבען פערטריבן פון שטאָדט דעם מורד...

איך האָב מיר געדונגען אַ שטוהל און זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן טראָטואַר, ווי דער מנהג איז דאָ, אָבצוּוואַרטען די פּראָצעסיע. מיין גורל האָט פונקט געוואָלט, אַז מיינע שכנים זאָלען זיין צוויי גלחים. איינער פון זיי האָט גערעדט אַ פּאָר שפּראַכען, צווישען זיי ענגליש' און זעהענדיג ווי איך בלייב זיצען אויף מיין אָרט ביים אַדורכפיהרען די הייליגע בילדער און פאַל נישט צו דער ערד אויף מיינע קניה, וואָס ער זיך געוואונדערט, און געפרעגט אויב איך בין אַ פּראָטעסטאַנט.

— ניין, אַ יוד, — ענטפער איך איהם.

ער האָט זיך זעהר געוואונדערט, און עפּעס ווי געפרעהט זיך דערמיט, וואָס איך בין אַ יוד, און אויפמערקזאַם געמאַכט זיין שכן, דעם צווייטען גלח. ביידע האָבען מיך אָנגעקוקט מיט נייגעריגע אויגען און געשמייכעלט צו מיר. איך האָב נישט פערשטאַנען, וואָס זייער גוט-שמייכלען מיינט, און געטראַכט ביי זיך, אַז אַמאָל וואָלטען זיי מיך נישט אַזוי גוט בעהאַנדעלט, זעהענדיג ווי איך בין נור אַ נייגעריגער צושויער צו דער קירכען-פּראָצעסיע. ווי די צייטען האָבען זיך דאָך געענדערט!

געוואָהר ווערענדיג אָבער פון מיר, אַז איך קום פון אַמעריקאַ, האָבען זיי זיך נאָך דערמיט געפרעהט. איינער פון זיי, דער

עלטערער, האָט מיך מכבד געווען מיט אַ שמעק טאַבאַק פון זיין טאַבאַק־פושקע, און דער יונגערער האָט מיך מיט נייגעריגקייט אויסגעפרעגט וועגן אַמעריקאַ.

— אין אַמעריקאַ זענען מיר דאָך אַלאַייס (פערבונדעטע) — האָט ער געזאָגט.

איך האָב איהם אָנגעקוקט ערשטוינט.

— נו, געגען די „קו־קלוקס־קלענס" — האָט ער געלאַכט.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער האָט געוואוסט פון דעם קאַמף געגען די יודען קאַטאָליקען און נעגערס, וואָס די קו־קלוקס־קלען" פיהרען אָן אין אַמעריקאַ און אַז די יודען זענען פעראייניגט מיט די קאַטאָליקען אין קאַמף פאַר אַמעריקאַנער טראַדיציעס. מיט איין וואָרט — מיר זענען געוואָרען צוזאַמען קעמפער פאַר מענשען־ליעבע און פרייהייט און גוטע טראַדיציעס.

— און איך בין זיכער, אַז „מיר" וועלען געווינען אין אַמעריקאַ — האָט דער גלח אונטערגעשטראָכען דאָס וואָרט „מיר", — דאָרט וואו יודען זענען פעראינטערעסירט, איז דער קאַמף אַ געוואונענער — האָט מיר דער גלח פערזיכערט — מיר האָבען גוטע „אַלאַייס".

גאָט, ווי די צייטען האָבען זיך געענדערט! — טראַכט איך ביי מיר און הויך גיב איך צו:

אין שפּאַניען האָבען זיי דאָך פערלוירען.

דער גלח פערשטעהט מיין געדאַנק און שמייכעלט.

— נישט אין גאַנצען. זיי זענען טאַקי אוועק פון דאַנען, זיי האָבען אָבער גענוג איבערגעלאָזט.

— איבערגעלאָזט, וואָס?

— בלוט אין אונזערע אָדערן.

איך קוק איהם אָן פערוואונדערט.

— יעדער דריטער פון אונז האָט יודיש בלוט, אונזערע גאַנצע אַריסטאָקראַטיע, איך ווייס נישט אויב אין מיינע אָדערן רינט נישט קיין יודיש בלוט, האָט דער גלח געזאָגט מיט אַ אָפענהערציגקייט, וואָס האָט מיך ערשטוינט.

— עס איז אַ בעקאַנטע זאַך, יעדער אײנער װײס עס. אַמאָל האָבן מיר זיך געשעהמט דערמיט. צײַטן געװען אַזעלכע. הײַנט גיעבען מיר עס צו.

איך קוק אָן דעם גלח, איך װײס נישט, צי מײנט ער עס אױפריכטיג, צי זאָגט ער דאָס נאָר, כּדי מיר אַ נחת־רוח אָנצוטהון, װאָס אַ יעזואיט און אַ שפּאַניער איז פעהיג.

יעדענפאַלס, זענען מיר פערבליבען „פערבונדעטע" ביז צו דעם סוף פון דער פּראָצעסיע. און דער גלח האָט זיך מיה געגעבען מיר צו געבען ערקלערונגען איבער יעדער קירכען־פאָהן, קירכען־קלײד און הײליג בילד, װאָס איז געפיהרט געװאָרען אין דער פּראָצעסיע.

יעדענפאַלס, איז דעם גלח'ס בענעהמען זיך געװען דער בעסטער בעװײז, װי װײט אונזער לאַגע האָט זיך געענדערט אין שפּאַניען, און װי פערשפרײט עס איז די לעגענדע איבער אונזער מאַכט. מיט אַנ'אמת גערעדט, בין איך עפּעס בײ מיר אַלײן שטאָלץ געװאָרען און האָב אָנגעהױבען אַלײן צו גלױבען אין אונזער כּוח. און מיר האַלטען זיך נאָך אין קלאָגען...

די פּראָצעסיע אַלײן איז געװען אײנע פון די גראַנדיעזסטע, װאָס איך האָב געזעהען אין מײן לעבען, און עס האָט געגעבען אַ קלאָרען בעגריף, װי װײט און טיעף די רעליגיע איז אײנגעװאָרצעלט אין שפּאַנישען פאָלק. אין דער פּראָצעסיע האָבען גענומען אַנ'אָנטײל די גאַנצע שטאָדטישע און די אָנגעפּאָהרענע בעפעלקערונג. שעה'ן לאַנג האָט זי זיך געצױגען און עס האָבען זיך בעטײליגט אין איהר פון גובערנאַטאָר ביז צום לעצטען סטרוזש. דאָס מיליטער, אין פערשידענע אָבטײלונגען. די ציװיל־מאַכט, די פּאָליציי, די פײער־לעשער, די שולען, פון די קינדערהײמען ביז צו דעם אוניװערזיטעט, צעכען, בעלי־מלאכות' פעראײנען און איסטיטוציעס — אַלע מיט זײערע פאָהנען, צלמים, קירכען־בילדער און בילדער פון די הײליגע, װאָס בעשיצען זײ. יעדער מאַן און פרױ האָט געטראָגען אין האַנד אַ אָנגעצינדען ליכט, און יעדעס קינד — אַ שטעקען מיט אַ צלם. נאָר זעלבסטפערשטענדליך, איז עס געװען די קירכע, װאָס האָט אין דער פּראָצעסיע בעװיזען איהר רײַכקײט און דעם

אוצר פון איהרע טייערע קירכען־קליידער, געמאַכט פון שטאָפען, וואָס זיי האָבען צוגענומען פון די מוסולמענישע מאָשעען און יו־דישע שוהלען...

צוערשט זענען געגאַנגען צוויי פיגורען, וועלכע האָבען רעפּ־רעזענטירט דעם לעצטען סולטאַן און די סולטאַנין פון גראַנאַדא, געבונדען אין שקלאַפעריי. אַרום זיי די זעלענר און אָפיציערען פון איזאַבעלאַ'ס צייטען, וועלכע האָבען איינגענומען גראַנאַדא. דאָס בילד איז געווען האַלב שפּאַס האַלב ערנסט. ווייל דער „סולטאַן" און די „סולטאַנין" האָבען מיט נירען־בלאָזען אַוועקגעטריבען דעם עולם פון דער מיט בלומען פערשפּרייטער און מיט גרינס־בעדעקטער גאַס און געמאַכט אַ וועג פאַר דער פּראָצעס'ע. דערנאָך איז געגאַנגען די קירכע.

עס האָט זיך געדאַכט אַז גאַנץ שפּאַניען איז פערוואַנדעלט אין אַ קלויסטער, אַלע שפּאַניער — אין מאָנאַכען, און אַלע שפּאַנ־קעס — אין נאָנעס. עס וועט שוין נישט איבערבלייבען קיין איין שוואַרץ־האָריגע, שוואַרץ־חנ'עוודיגע, שוואַרץ־אויגעדיגע „סנאָריטע", וואָס זאָל אייך כשופ'ן מיט איהר בליק. אַ וואַלד פון קירכען־פּעה־נער אין אַלע קאָלירען האָט זיך געבערענט אין דער זון, און די גלחים אַליין אויסגעציהרט אין די וואונדערבאַרסטע אַלטע בראָקאַד־שטאָפען, וואָס זייערע גאָלדענע פעדער האָבען געלויכטען אין דער זון, און אַרויסגעשיקט פון זיך שטראַהלען; שטאָפען, וואָס האָבען גע־בלישצעט ווי בליצען, אַנדערע, אַרומגענומען פון מאָשעען, זענען געוועבט מיט אַראַבישע אָרנאַמענטען, און שפּרוכען, וואָס האָבען געפּרייזט „אַלאַ," און זיין נשיא מחמד". אויך שטאָפען, וואָס האָבען דערמאָהנט אין גאָלד־אויסגעהאָפטענע פּרוכת'ער, מיט תורה־קליידער און עטרה־קרוינען, געראויבט פון שוהלען, — די קירכע האָט גע־וויזען איהר גאַנצען „פּראַכט און גלאַנץ". זיי האָבען אַרויפגעבראַכט די אוצרות פון דער קירכע און בעוויזען פאַר דער וועלט זייער רייכקייט. מיין נייער פריינד וואָס איך האָב מיר ערוואָרבען אין שפּאַניען, מיין שכן דער גלח, האָט געפונען פאַר זיין חוב מיר אויפ־מערקזאַם צו מאַכען אויף יעדעס קירכען־קלייד און קירכען־פאָהן בעזונדער, פון וואָס פאַר אַ צייט עס שטאַמט, אין וועלכען קריעג

עס האָט אַ „נס" בעוויזען, און פון וועלכען קעניג עס איז בענוצט געוואָרען. געגען די רייך-בעפּוצטע גלחים האָבען די נאָנעס, אָנ-געטהון ערנסט שוואַרץ מיט די בלייכע געזיכטער, וואָס האָבען אַרויסגעשיינט פון די ווייס-בעדעקטע קעפּ מיט די אָנגעצונדענע ליכט אין דער האַנד — געמאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק, אַ איינדרוק, וואָס האָט אייך דערמאָהנט אין דער אינקוויזיציע. דאָס איינציגע, וואָס האָט געפעהלט אין דער פּראָצעסיע, זענען געווע נאָר די קרבנות פון דער אינקוויזיציע, די מאַראַנען און אַנדערע אפּיקורסים, וואָס זאָלען זיין אָנגעטהון אין „תשובה"-העמדער, באָר-וויסע, מיט ש־ריק אָנגעבונדען אויף זייערע העלזער, וואָס זאָלען געטריבען ווערען מיט בייטשען פון שוואַרצע דאָמיניקאַנער. ווי וואָלט דאָס זיך אַריינגעפּאַסט צו דעם מיטעלאַלטערליכען בילד!...

אַז עס האָט זיך בעוויזען אונטער זיין רויטער חופּה דער קאַרדינאַל מיט זיין שפּיציגען הוט, אין זיין רויטען אַדאַמאַשעק-בעשלאָגענעם שטוהל, געשלעפּט פון קינדער-גלחים — האָט זיך דאָס פאָלק געוואָרפען מיט די פּנים׳ער אויף דר׳ערד פאַר איהם. איך בין, זעלבסטפערשטענדליך, געבליבען זיצען אויף מיין אָרט. נאָר, ווי געזאָגט, אָנשטאָט אויפגעבראַכט צו ווערען האָט מיין גוטער שכן, דער גלח, געשמייכעלט צו מיר גוטמוטיג און פער-געבליך...

נאָך עמיצער האָט זיך געפונען צווישען די ווידערשפּעניגסטע אין דעם בעגייסטערטען קירכען-יום-טוב, אָדער — ווי די אינקווי-זיציע פלעגט זיי אָנרופען — „קליינע קליינע פיקסען, וואָס פער-דאַרבען דעם גאָרטען". דאָס איז געווען אַ הויך-לאָקשענדיגע, בלאָנד-מכשפה׳דיגע ענגלענדערין, וועלכע איז אַרויפגעקראָכען אויף אַ שטוהל, און האָט דוקא געוואָלט מאַכען אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון קאַרדינאַל מיט זיין הוט אין דער האַנד. דאָס איז איהר זעהר גוט געלונגען, ווען דאָס פאָלק האָט זיך געוואָרפען מיט די פּנים׳ער פאַר איהם. בחנם האָבען די גלחים פון קאַרדינאַל׳ס סוויטע אין זייערע גאָלדענע און זילבערנע קליידער פּראָטעסטירט פון דער פּראָצעסיע אַרויס. דאָס פאָלק איז אויפמערקזאַם געוואָרען אויף די הויכע ענגלענדערין, וואָס שטעהט אויף דער שטוהל מיט איהר „קאַמעראַ".

און האָט אָנגעהויבען צו מורמלען. זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט שטערען אין איהר אַרבייט. זי האָט ווייטער געקלאַפּט מיט איהר „קאַמערא" און אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף די אונצופריעדענע פּנים׳ער, וואָס האָבען זי אַרומגערינגעלט, און נישט געהערט דאָס מורמלען. אין איהר האַלטען זיך האָט מען אפשר דערפיהלט די קאַנאָנען פון ענגלאַנד׳ס קריעגס־שיפען, וואָס קוקען צו שפּאַניען׳ס ברעגען אַ פּאָר מייל פון דאַנען, פון גיבראַלטאַר. און נישט ווילענדיג איז געקומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז פיליפ׳ס לאַנד, „אין וועלכען די זון געהט קיינמאָל נישט אונטער", איז אין היינטיגען טאָג אַרומגעבונדען ווי מיט אַ אייזערנער קייט מיט ענגלאַנד׳ס קריעגס־שיפען... נאָך אַ צייכען, ווי ווייט די צייטען האָבען זיך געענדערט, זינט מיר האָבען פערלאָזט דאָס גאָט געבענשטע לאַנד...

זעהר אַ פּאַטעטישען איינדרוק האָבען געמאַכט די קירכעןפיגורען, וואָס די דאָרפישע בעפעלקערונג האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דאָרף צו פיהרען אין דער פּראָצעסיע. די פיגורען וואָס האָבען פאָרגעשטעלט די הייליגע מאַריאַ אין אַ מענשליכער גרויס, זענען געפיהרט געוואָרען אויף רייך בעפוצטע אייזעלעך, אָנגעהאָנגען מיט קלומפּערלעך. אין מעהרסטע פאַלען איז די הייליגע מוטער פון בית־לחם אָנגעטהון געווען ווי אַ היינטיגע שפּאַנישע טענצערין. אויסגעפוצט אין אַ רייך סאַמעט קאָלירט קלייד, האָט זי אין איהר שווארצען קאָפּ האָר געטראָגען אַ ריזען בעפוצטען גרויסען קאַם, און אַרומגענומען איהרע פּלייצעס מיט אַ רייך אויסגעהאַפּטענעם שפּאַנישען טוך...

אַז איך האַלט שוין דערביי, מוז איך פערצייכענען אַ בילד, וואָס איך האָב געזעהן אין טאָלעדאָ, וואָס גיט אַ בעגריעף, ווי די שפּאַניער האָבען ליעב צו בעשענקען די געטליכקייט מיט די פריידען פון אונזער אייגענעם ערדישען לעבען. אויף איינער פון די גאַסען פון טאָלעדאָ שטעהט איינס פון די טויזענדער הייליגע בילדער איינגעמויערט אין אַ קעסטעל, וועלכעס געפינט זיך אויף יעדען עק אין אַ שפּאַנישער שטאָדט. ביי דעם בילד, ביי וועלכען עס שטעלען זיך נאָך אָב פרויען און עלטערע מיידלעך בעטען

קאָן מען בעמערקען, ווי נאָך יעדען געבעט נעהמט די פרוי אָדער דאָס מיידעל אַרויס אַ שפּילקע פון איהר בלוזקע, אַ האָר־נאָדעל פון איהרע האָר, אָדער אַן־אַנדער שטעכעדיגע זאַך און וואַרפט עס אַריין אין קעסטעל אַריין צו דער הייליגער מוטער. ווען איך האָב געפרעגט אַ ערקלערונג וועגען דעם מערקווירדיגען מנהג, האָט מען מיר געזאָגט, אַז צו דעם בילד בעטען נאָר אַלטע, פערזוענען געבּליבענע מיידלעך, אָדער פרויען, וואָס האָבען קיין מענער נישט. דאָס בילד צייכענט זיך אויס מיט דער מערקווירדיגער קראַפט, וואָס עס פערשאַפט מענער פאַר די גלויביגע, וועלכע בעטען דאָס און אַלס בעלויהנונג וואַרפט די מאַן־בעדערפטיגע פרוי שוין פאַר־אויס אַריין צום הייליגען בילד אַ שפּילקע, אַ נאָדעל אָדער אַן־אַנדער שטעכעדיגע זאַך...

נאָך מיטאָג איז דער קירכען־יום־טוב געפייערט געוואָרען ווי געוועהנליך מיט אַ אָקסען־קאַמף. איך בין נאָך אַמאָל געגאַנגען זעהן אַ אָקסען־קאַמף אין גראַנאַדאַ. ערשטענס, צוליעב די יום־טוב, קאָסטיומען, וואָס מען זעהט דאָ אין זייער גאַנצער וואונדערבאַרער פאַרבען־רייכער פראַכט. און צווייטענס, די „טרופּע", וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם אָקסען־קאַמף, איז מיט מיר איינגעשטאַנען אין איין האָטעל און איך האָב געפונען פאַר מיין חוב זיי צו פּראָטעזשירען... אָבער דער אָקסען־קאַמף אין גראַנאַדאַ איז געווען אַ שרעקליכער און אַ העסליכער, זעהט זיך אויס, אַז אין מאַדריד האָב איך געזעהען די וואונדערבאַרסטע „מייסטער", וואָס שפּאַניען פערמאָגט אין דעם שפּיעל, און דורך דעם האָט עס נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ שוידערליכען איינדרוק. דאָ, אין גראַנאַדאַ, איז די „טרופּע" געווען אַ פּראָווינציעלע און אַ צווייט־קלאַסיגע. זעקס אָקסען, אכצעהן פערד און צוויי מענשען זענען איינפאַך געשעכט געוואָרען... די גאַלעריעס זענען דאָ נאָך מעהר ווי אין מאַדריד פול געווען מיט פרויען און אויך מיט קינדער... די פרויען אין די שענסטע שפּאַנישע קאָסטיומען, און די גאַלעריעס, ווי געוועהנליך, זענען בעדעקט געווען מיט שפּאַנישע, קאָלירטע שאַלען, וואָס די סיבאָריטעס האָבען אויסגעשפּרייט. די געוואַלדען, די געשרייען זענען אויפגעגאַנגען צום הימעל — אָבער דאָס שפּיעל איז אַ שרעק־

ליכעס, פיעל אונמענשליכער ווי אין מאַדריד. און מען האָט געקאָנט זעהן די גאַנצע ווילדקייט, וואָס שטעקט נאָך אין דער פּראָווינץ. זיי האָבען געלאָזט די פּערוואונדעטע פערד, וועלכע די אָקסען האָבען אויפגעשטאָכען אויף די הערנער, אַרומלויפען איבער דער אַרענע מיט זייער גאַנצען אינגווייד אַרויסהענגענדיג פון זייערע אויפגעריסענע בייכער. און דאָס פאָלק האָט זיך אַמוזירט דערמיט. די אָקסען זענען נישט קונציג געשטאָכען געוואָרען ווי אין מאַדריד פון אַ „מייסטער׳ס״ אַ האַנד, נאָר ביסלעכווייז געפּייניגט געוואָרען. דאָ נאָך מעהר ווי אין מאַדריד, זענען די פּרויען ווילד געוואָרען פון שפּיעל מיט בלוט, און יעדעס מאָל, ווען אַן אָקס איז געקוילעט געוואָרען, האָבען זיך געהערט זייערע קוויטשענדיגע ווייבערישע קולות מיט אויסגעלאַסענקייט... די אָקסען־שטעכערס האָבען זיי בעשאָנקען דערמיט, וואָס זיי האָבען אָבגעשניטען די אויערען פון געקוילעטען אָקס און צוגעוואָרפען דער שענסטער „סינאָריטע״. און דעם עק פון געקוילעטען דעם חשוב׳סטען סיניאָר...

דאָס מאָל האָב איך, גאָט צו דאַנקען, נישט אויסגעהאַלטען און פערלאָזט די אַרענע אין מיטען שפּיעל, צו דער פּערוואונדעטונג פון די טהיר־היטערס. אין דרויסען ביי דער טהיר האָבען מיך אַרומגערינגעלט יונגלעך און געבעטען זיך ביי מיר דעם בילעט צום איינגאַנג.

נאָך יעדען אָקסען־קאַמף קומט פאַר אַ „קאָרסאָ״ פון פובליקום. דאָס איז אייגענטליך דער שענסטער טייל פון דער „פאָרשטעלונג״. די גאַסען זענען שוין געווען פול געפּאַקט מיט מענשען. ווי אין דער פריה, צו דער קירכען־פּראָצעסיע, האָט מען פערדונגען שטוהלען צו בעטראַכטען זיצענדיג די „קאָרסאָ״. גאַנץ שפּאַניען׳ס פּראַכט ווערט בעוויזען אין אַזאַ שפּאַציער־פאָהר. אין דער „קאָרסאָ״ נעהמען אָנטייל פון דער רייכסטער בעפעלקערונג, ווער עס פערמאָגט נאָר אַ אויטאָמאָביל, אַ וואָגען, אַ פערד, אָדער אַ אייזעל, מען שלעפּט אַרויס די טייערסטע מאַנטלען, די הערליכסטע טיכער, די פאַרבענרייכסטע שטאָפען. יעדעס טייער פאַמיליען שטיק, וואָס איז בעהאַלטען אין קאַסטען, בעווייזט מען אין שפּאַציר־פאָהר. צוערשט פאָהרען אין אַ אויטאָמאָביל, רייך בעפּוצט מיט גאָלדענע און רויטע

מאַנטלען, די אָקסען־שטעכער — אָנגעטהון, פערשטעהט זיך, אין זייערע פינקעלדיגע מיט פלאַטערלעך בעגייהטע קאַפּטענעס. נאָך זיי רייטען, אויך אין זייערע גאָלדענע קאַפּטענעס, די רייטער־שטעכערס אויף פערד, און הינטער זיי — דאָס פּובליקום.

דער מנהג איז אַזוי:

די פּרויען בעהענגען די זיץ־ערטער פון די אויטאָמאָבילען מיט די שאַלען אַזוי, אַז דער שאַל לאָזט זיך אַראָב און דעקט צו דעם גאַנצען הינטערשטען טייל פון וואָגען ביז צו די רעדער. דער שאַל שפּיעלט איבערהויפּט אין שפּאַניען די ראָלע פון אַ דעקאָראַ־ציע צו דער פרוי. וואו די פרוי קומט נאָר אין עפענטליכע פּלע־צער, אין רעסטאָראַן, אין קאַפע־הויז, אין טעאַטער אָדער אויף דער גאַלעריע פון אָקסען־קאַמף, שפּרייט זי פאַר זיך אויס דעם שפּאַני־שען שאַל.... אין דער „קאָרסאָ" קאָן מען זעהן די וואונדערבאַרסטע שטיקער, אויסגעשפּרייט איבער די אויטאָמאָבילען, וועגען, דראָש־קעס, אויסגעהאָנגען איבער די פערד, מויל־טיערען און אייזלען, שאַלען אין פערשיעדענע קאָלירען, רויט, ווייס, בלוי, גאָלד־קאָליר, זילבער־גלאַנץ און קרעם־געל, וואונדערבאַר אויסגעהאָפטענע פויגעל, אָרנאַמענטען, בלומען און אַנדערע מאָטיווען. די יונגע מיידלעך בעפּוצען דעם קאָפּ מיט רויזען אָדער רויטע נעלקען, וועלכע שטאַרצען אַרויס פון שוואַרצען קאָפּ האָר, הינטער דעם גרויסען קאַם — זיצען זיי אויף די אָבגעלעגטע דעכער פון די אויטאָמאָבי־לען, אָדער אויף הויכע געזעסען אין די וועגען. און די מענער זיצען אויף די הינטע־שטע נידעריגערע געזעסען און טרייבען אָן די פערד. די, וואָס האָבען נישט קיין וואָגען, זעצען אויס די ווייבער אויף די פערד, אָדער אויף די רייך־בעפּוצטע אייזלען, און די מענער געהען צו־פוס, פיהרענדיג דאָס פערד אָדער דאָס אייזעלע ביי דער צוים...

אַזוי געהט די רייזע איבער צוויי דריי הויפּט־גאַסען אייניגע מאָל אַרום. און דאָס פּובליקום זיצט ווי אין אַ טעאַטער. אויסגעזעצט אויף שטוהלען, וואָס ווערען צו דעם צוועק אויסגעבאָרגט, און בעטראַכטען דאָס שפּיעל פון שאַלען־פאַרבען, פון גלאַנצענדיגע אויגען. פון בעפּוצטע מיידעלשע קעפּ.

עס איז אַ וואונדערבאַר שפּיעל פון פאַרבען, אין וועלכען עס קומט צום אויסדרוק שפּאַניען׳ס כאַראַקטער; נישט איין האַרץ ווערט פערוואונדעט פון אַ פערהאַלטענעם בליק, פון די אייל־בע־שמירטע אויגען פון אונטער דעם בעדעקטען פנים מיט די מאַנטלען.

נאָר אין דעם יום־טוב האָט זיך אַריינגעריסען אַ שטיק וואָכענדיגעס.

פון אַ זייטען־געסעל האָט אַ אייזעל־טרייבער אריינגעטריבען זיין מיט היי בעלאָדענעם אייזעל אין דעם יום־טוב פון פאַרבען און רייכקייט. דער אייזעל־טרייבער איז געגאַנגען אָנגעטהון גאָר־נישט יום־טובדיג, באָרוועס, מיט זיינע אָבגעברענטע ברוסט און אַקסעל, פון זיין צוריסען העמד אַרויס האָט ער, ווי דער אייזעל, געבויגען זיך אונטער דער לאַסט פון אַ שווערען טאָג־אַרבייט, וואָס ער האָט געהאַט דרויסען, אין דער הייסער זון, אין דעם נאַקעטען פעלד. אַ גליח, וואָס איז פערביי געגאַנגען, האָט אָבגעשטעלט דעם אייזעל־טרייבער, האָט איהם מיט פאָרוואורפען אויפמערקזאַם גע־מאַכט אויף דעם, וואָס ער אַרבייט אין אַ יום־טוב טאָג. דער איי־זעל־טרייבער האָט פערקרומט זיין האַרט, ווי זויל אָבגעברענט פנים, און געמאַכט אַן־אונצופריעדענע גרימאַסע, און עפּעס געברומט מיט תּרעומות אונטער דער נאָז. איך האָב נישט פערשטאַנען די ווער־טער, מיט וועלכע דער אייזעל־טרייבער האָט אָבגעענטפערט דעם היטער פון זיין נשמה, נאָר אין דער ביטערער גרימאַסע פון זיין האַרט אָבגעברענט פנים, און דער געביילטער פויסט, וואָס דער אייזעל־טרייבער האָט בעהאַלטען אונטער זיין צוריסענעם קאַפּטען, האָט איהר געקאָנט זעהן די טונקעלע כמאַרע פון צאָרן, וואָס זאַ־מעלט זיך אין די טיפענישען פון די שפּאַנישע מאַסען, וואָס ליעגען אונטער דעם יאָך פון דער קירכע און פון דאָנען, וואָס לאַסטעט אַזוי שווער אויף זיי, און איז בעדעקט מיט „פּראַכט און גלאַנץ" פון קירכען־פאָהנען און זיידענע שאַלען...

גראַנאַדא II
די אלהאמברא

וואָס איז דאָס: אַ פערהעלניסמעסיג קליינע צייט זענען מיר דאָך געווען אין אַזיען, אין ארץ־ישראל. זינט טויזענדער יאָהרען פערברענגען מיר אין אייראָפּעאישע לענדער. אונזער גאַנצע ציוויליזאַציע איז אַנ׳אייראָפּעאישע, אַנ׳אַרישע. מיר האָבען זיך אויפגעצויגען אויף דער קולטור פון די אַרומיגע פעלקער. וואָס מיר פערשטעהן פון קונסט, ליטעראַטור, שענקייט האָבען מיר גענומען און געלערענט פון דער אומגעבונג, וואָס האָט אונז אַרומגערינגעלט. מיר האָבען געלערענט ליטעראַטור — פון די אייראָפּעאישע שרייבער. שענקייט פון די פּלאַסטישע פאָרמען פון ראַפאַעלס, מיכעל־אַנדזשעלאָס, רעמבבראַנדס. און דאָך, ווען מיר שטויסען זיך אָן מיט׳ן מזרח, ווען מיר קומען אין בעריהרונג מיט די שענקייטען פון די סעמיטישע פעלקער, ווערען מיר יודען פונקט אַזוי ווי יענער הונד, אין דזשעק לאָנדאָנ׳ס בעריהמטער נאָוועלע „די שטים פון בלוט״, וואָס הערענדיג די שטימען פון די שניי־מדבריות, דערוועקט זיך אין איהם דער וואָלפישער אינסטינקט פון זיינע זיידעס און ער ווערט אַליין צוריק אַ וואָלף... אַזוי האָט עס מיט מיר פּאַסירט, ווען איך בין צום ערשטען מאָל אַריינגעקומען אין מירטען־גאָרטען פון דער אַלהאַמבראַ, ביי די גרויסע וואַסערען אי די מאַרמאָרנע בעקענס, וואָס בעהאַלטען זיך אין די שאָטענס פון דיין מירטען. אין ריח פון זייערע בשמים האָבען זיך די שענע שקלאַפינס פון די מאָרישע סולטאַנען געבאָדען. אין די דורכזיכטיגע וואַסערען, ווי די גאָלדענע פיש היינט, אַזוי האָבען דאַמאָלס זייערע קלאָרע לויטערע גלאַנצענדיגע לייבער אַדורכשעמערירט דורך די וועלען. עס האט זיך באַלד



דער ליובן ברונעם אין דער „אלהאמבארא“ אין גראנאדא.

און מיר דערוועקט דער „אזיאַט״, עס זענען געוואָרען פערשטומט אין מיר יענע געפיהלען, וואָס איך האָב זיך ערוואָרבען דורך מיין טויזענד-יעהריגען צוזאַמענלעבען מיט די „ציווילזירטע״ קריסטליכע פעלקער, און איבערגעבליבען אויפ׳ן באָרטען פון מיין האַרץ זע־נען יענע געפיהלען און אינסטינקטען, וועלכע זענען אייביג און עכט, וואָס זענען געווען אין אַנהויב, וואָס איך האָב מיט מיר מיט־געבראַכט פון די פעלדער, וועלכע שטרעקען זיך אויס אונטער אַנ׳אַזיאַטישען הימעל. איך האָב דערפיהלט, אַז איך בין אין דער היים. ברענגט אַ גאָלדענע אַבאַיאַ מיר (געלע אַראַבישע שטעק־שיך האָב איך שוין איינגעשאַפט זיך אין סעוויל פון אַ יודיש מאַראָקאַנישען שוכמאַכער) ברענגט אַ גאָלדענע אַבאַיאַ מיר, הענגט אָן דעם כשוף־שטיין פון אינדיען אויף מיין האַרץ. איך בין דער סולטאַן פון אַל־האַמבראַ, און קומט און וואַנדעלט מיט מיר דורך זיינע זאַלען, דורך זיינע שפּרונג־ברונעמס אין מירטען־גערטנער, ווי אַ גאַסטפריינ־דליכער בעל־הבית וועל איך אייך מיט אַ ר״יכער אָריענטאַלישער האַנד בעוויזען זיינע אוצרות און שענהייטען, און וואָס עס גע־פעלט אייך דאָס איז אייערס...

וואָס זענען אָרנאַמענטען? מוזיק אָהן ווערטער. דער העכ־סטער אויסדרוק, וואָס די פלאַסטישע קונסט האָט דערגרייכט, איז נאָך מיין מיינונג נאָך אין רעמבעראַנד׳ס בילד „בת־שבע״, וואָס הענגט אין „לובר״ אין פאַריז. רעמבראַנד האָט פערקערפערט אין די פאַלדען פון נאַקעטען בויך פון „בת־שבע״ דאָס אייביגע ווייבליכע, די העכסטע זינדיגע תאוה צוזאַמען מיט ערהאַבענסטער, איידעלסטער צניעות. אַז איהר קוקט אויף דעם בילד פון דער נאַקעטער פרוי, ווערט איהר ווי אין אַ פיבער געוואָרפען פון זינ־ליכקייט אין די דערהויבענסטע נאָבעלסטע געפיהלען. איהר קומט אַריין אין העכסטען עקסטאַז פון בעגייסטערונג און איהר פערשטעהט און פיהלט דאָס, וואָס מענשען האָבען איבערגעלעבט אין גרויסע מע־סיאַנישע בעוועגונגען. אין דער צייט פון שבתי־צבי למשל, ווען זיי האָבען די נידריגסטע ערדישע אינסטינקטען אויפגעהויבען צום הויכען רעליגיעזען עקסטאַז אָבער רעמבעראַנד׳ס בילד איז בע־גרעניצט דורך אַ מאָטיוו. איהר קאָנט נישט מעהר זעהען אין דעם

בילד נור יענע בת־שבע, וואָס בעקומט דעם בעפעהל פון דוד׳ן קומען צו איהם בייגאַכט אין זיין פּאַלאַץ — ברייטעט זיך פאַר פאַר׳ן קעניג מיט ווייבליכער זינדליכקייט און ווייבליכער צניעות׳־דיגקייט. איהר פּנים דריקט־אויס שרעק און פרייד. אין איהר קערפּער איז איינגעקנעטען זינד און שענקייט, תאוה און דערהויבענקייט, זי איז טאַקי אַ סימבאָל פון דער פרוי, אָבער נישט מעהר ווי אַ בת־שבע. איהר קענט אין איהר נישט מעהר זעהען דעם מאָטיוו, וועלכען רעמבעראַנד האָט געוואָלט פאָרשטעלען מיט׳ן בילד.

אַנ׳ ערש זענען די קינסטלער פון אָריענט. פּראַכטענדיג, ווי אַ גאָט־לעסטערונג, אָבצובילדען אַ מענשליך געשטאַלט, האָבען זיי געפונען זייער קינסטלערישען אויסדרוק אין דער אונבעגרעניצטקייט, אין דעם אין־סוף פון אָרנאַמענט. דורך די בעוועגונגען פון די ליניען, אָפטמאָל אויסגערעכענט מיט מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט. דורך דער געשליפענקייט פון די ליניען, וועלכע קומען זיך אַלע צוזאַמען ביי איין פונקט ווי ביים געשליפענעם בריליאַנט, אַנדערע ווידער, נאָכקוקענדיג די נאַטור, ווי זי ענטפלעקט זיך אין געוועב פון די פליגעל פון אַ זומער־פויגעלע, אין דעם לייב פון אַ טהיי־רויז, אין דעם געקעסטעלטען רוקען פון אַ טשערעפּאַכע, אין די וואונדערבאַרע קאַרווען, אין אַ ים־מושעל — האָבען זיי געפונען די אָרנאַמענטאַלע מאָטיווען פאַר זייער קינסטלערישער פאַנטאַזיע. שפּיעלענדיג זיך מיט ליניען און דערביי פאָלגענדיג אַ געוויסער לאָגיק, וואָס פיהרט צו האַרמאָניע; שפּיעלענדיג זיך מיט פאַרבען און קאָלירען, וועלכע שטראַהלען אויף און לעשען זיך אויס אין בעוועגונגען, — האָבען זיי דערגרייכט אַ קינסטלערישע פאָלקאָמענהייט, וואָס איז נישט בעגרעניצט דורך אָבגעזונדערטע מאָטיווען און ווערטער, נור זינגט אַן אייביגעס ליעד, ווי דאָס ליעד פון פאַרנאַכט, אָהן ווערטער, אָהן מאָטיוו — נאָר אַ שפּיעל פון ליכט און שאָטען אין אַן אויסגעהענדיגען זונען־אונטערגאַנג.

אַלעס איז דעקאָראַציע. נישט קיין צוועק פאַר זיך, ווי די אייראָפּעאישע קונסט, נור אַ בעגלייטונגס־מאָטיוו צום לעבען, אַ הינטערגרונד פאַר דער שענער „פאַוואָריטע” און פאַר׳ן אַלמעכטיגער סולטאַן. נור צו וואָס ווערטער? בין איך דען נישט דער סולטאַן

פון דער אַלהאַמבראַ, און האָב איך אייך דען נישט צוגעזאָגט אַדורכצופיהרען דורך זיינע זאַלען, שפּרונג־ברונעמס און הענגענ־דיגע גערטנער.

אין דעם מירטען־הויף, אין וועלכען מיר געפינען זיך געפינט זיך דער גרויסער בעקען מיט קריסטאַל־ריינעם וואַסער, אין וועלכען עס שווימען היינט אַרום גאָלדענע פיש, און אַמאָל אין די צייטען פון די מאָרישע סולטאַנען (לאָמיר זיך פאָרשטעלען — עס איז היינט) האָבען אַרומגעשוואומען שענע שקלאַפינס. מיר קומען אַריין אין זאַל פון די „אַמבאַסאַדאָרען”. עס איז דער ערגסטער זאַל פון דער אַלהאַמבראַ. „אַללאַ איז גאָט און מהמד איז זיין נביא” בעגריסט אייך פון די ווענד אַראָב, איינגעזעצט אין אַראַבעסקעשע פיגורען, פון אַלע ווינקלען פון זאַל. דער גאַנצער זאַל זעהט אויס ווי ער וואָלט געווען אויסגעשניצט פון שטיין. אַ וואונדערבאַר געוועב פון איידעלע שפּיצען. דער מייסטער האָט געוואוסט די ערנסטקייט פון זאַל און האָט זיינע אָרנאַמענטען געמאַכט פון ערנסטע, שאַרף־ליניענדיגע מאָטיוען. ליניען, וואָס דערמאָהנען אייך די פאָרמען פון פליגלען פון טויבען. זיין פוס־באָדען איז אויסגע־פלאַסטערט מיט שטיינדלעך, וואָס זענען גלאַזירט אין בלויע, ווייסע, רויטע קאָלירען. אַ מאָזאַאיק, וואָס ווען איהר קוקט דערויף, מיינט איהר, אַז איהר טרעט אויף געשליפענע בריליאַנטען. אַלעס אין דעם זאַל איז געשליפען, און לויפט זיך צוזאַמען אין איין פונקט ווי די געשליפענקייט פון אַ בריליאַנט. דער אונטערשטער טייל פון די ווענד איז אויסגעזעצט מיט דער זעלבער מאָזאַאיק פון גלאַזירטע קאַלך־שטיינדלעך, נאָר איידעלער, דינער און קלענער איז די מאָזאַאיק. די קאָלירען פון די גלאַזירטע שטיינדלעך דערמאָהנען אייך אין קאָלירען פון איידעלע שטיינער. איבערהויפּט פון בלויע סאַפּירען, לאַפּוס־לאַזור און געלען גאָלד־קאָליר פון אָפּאַלען. דער גלאַזור פון די שטיינדלעך גלאַנצט, שימערירט און בליצט מיט שטראַהלען ווי עכטע איידעל־שטיינער. דאָס קומט דערפון, וואָס די אַראַבער האָבען פערשטאַנען צוזאַמענצושטעלען זייערע פאַרבען פון גרינסען, וואָס וואַקסען פון דער ערד אַרויס. דורך דעם האָבען זייערע פאַרבען די נאַטירליכע פרישקייט. אַ קונסט. וואָס איז פער־

געסען געוואָרען אין די שפעטערדיגע צייטען, אַזוי, אַז עס דאַכט זיך, אַז די אַראַבעסקען זענען אויסגעזעצט פון עכטע איידעלשטיינער. דער אויבערשטער טייל פון די וועגד איז פון סטאַקאָ אויסגעוועבט אין לייהם און צעמענט. מאָטיוועז, וואָס דאַכט זיך, אַזוי ווי די וועגד וואָלטען בעדעקט געווען מיט טייערע אָריענטאַלישע טעפּיכער. אַלע מאָטיוועז פון די טעפּיכער זענען איינגעוועבט געוואָרען אין די אַראַבעסקען פון די וועגד, און צווישען זיי שטראַהלט פון אומעטום אַרויס דער שפּרוך: „אַללאַ איז גאָט און מחמד איז זיין נביא". נור עס איז דער באַלקען, וואָס דערמאָהנט אייך אין דער געשליפענקייט פון ברילליאַנט. דער באַלקען איז איין גרויסער ברילליאַנט, אויסגעשניצט פון צעדערן-האָלץ מיט פערשידענע מאָטיוועז און ליניען, איינגעלעגט אין דעם אויסשניצעכטס בלויע פאַרבען פון לאַפּוס-לאַזור, גאָלד, און רויטע קאָראַלען—לויפען זיך אַלע ליניען צוזאַמען און גיסען זיך אַריין אין איין פונקט אין מיטען באַלקען, אַזוי ווי די שלייפען פון ברילליאַנט גיסען זיך צוזאַמען.

אָה, וואָס פאַר אַ שאָד, וואָס דער פּאַלאַץ און דער זאַל זענען מיט אייניגע הונדערט יאָהר שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרען נאָכדעם, ווי עס האָט געלעבט דער איידעלער ר' שמואל הנגיד אין גראַנאַדאַ. ווי וואָלט זיך געוואָלט זעהען דעם יודישען גרויסוויזיר פון קאַליף האַבוס, דעם פילאָזאָפיש-שטילען יודישען געלעהרטען שטעהן איינגעהילט אין זיין גאָלדענער אַבאַיאַ פאַר זיין הער קאַליף האַבוס, און דיסקוטירענדיג מיט איהם די פּלענער, ווי אַזוי צו פערטרייבען די קריסטליכע הערשער פון דעם איבריגען טייל שפּאַניען. ווי וואָלט זיך געוואָלט זעהען זיין גאָלדענעם מאַנטעל שלעפּען איבער דעם אויסגעפלאַסטערטען פוס-באָדען, אויפנעהמענדיג אין נאָמען פון קאַליף די אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרען און שליחים, געשיקט פון די קריסטליכע לענדער צום גרויסען קאַליף מיט מתנות און מס. אַ שאָד אָבער, וואָס מען קאָן נישט רוקען די דאַטען פון דער געשיכטע ווי שאַך-פיגורען, ווי עס ווילט זיך. דערפאַר אָבער איז אַן אַנדערע גרויסע יודישע פּערזענליכקייט געטרעטען איבער דעם פוס-באָדען, און נישט געטרעטען, נור זיין פּנים אַגידע״גע-



דער זאל אין „אלהאמבארא,, אין וועלכן איזאבעלא האט אונטער געשריבן דעם דעקרעט וועגן ארויסטרייבן די יידן פון שפאניען פון דעם זאל האט אויך איזאבעלא אוועקגעשיקט קאלומבוסן אויסצוגעפונען אמעריקע.

װאָרפען צו די שטיינער, און די װאונדערבאַרע פּלאַסטערונג פּייכט
געמאַכט מיט זי׳נע טרעהרען. דאָס איז געװען אַברבנאל.

דאָ, אין דעם זאַל האָט ער זיך געװאָרפען צו דער ערד,
אין די שטיינער-פּלאַסטערונגען האָט ער זיינע טרעהרען אַריינגע-
גאָסען פאַר דעם טיראַנישען טראָהן פון איזאַבעלאַ און פערדינאַנד,
װעלכע האָבען אויפגעפּלאַנצט זייער מאַכט דאָ, נאָכדעם, װי זיי
האָבען פערטריבען די מאָרען פון גראַנאַדאַ. אַלס בעלוינונג דער-
פאַר האָבען זיי צו זייער גאָט די יודען פון שפּאַניען אװעקגע-
שאָנקען. אויף דעם פוס-באָדען איז ער געפאַלען און געבעטען נישט
צו פערטרייבען די יודען פון שפּאַניען, װעלכע זענען געװען
עלטערע תושבים אין דעם לאַנד פון די קאַטוילישע קעניגען. אין
דעם זאַל דאָ האָט די קעניגין אונטערגעשריבען דעם גזר-דין אויף
די יודען פון שפּאַניען, הונדערטער טויזענדער מיט זייערע װייבער
און קינדער צו פערטרייבען פון אַ לאַנד, אין װעלכען זיי זענען
געזעסען זיבט טויזענדער יאָהרען. און נאָך אנ׳אַקט האָט זיך אָב-
געשפּיעלט אין דעם זאַל, װאָס האָט פאַר אונז נישט קיין קלענערע
בעדייטונג װי דער אַקט פון פערטרייבען די יודען (די רפואה פאַר
דער מכה). אין דעם זאַל האָט איזאַבעלאַ בעפולמעכטיגט קאָלומ-
בוס׳ן צו געהן און צו געפינען דאָס לאַנד איבער ימים, אין װעל-
כען מיליאָנען יודען זאָלען מיט דער צייט געפינען אַנ׳אָברוה, אַ
היים. דורך די פענסטער פון דעם זאַל זעהט מען דאָס בריקעל,
אויף װעלכען דער רייטער פון איזאַבעלאַ האָט צוריקגערופען קאָ-
לומבוס׳ן, װען ער האָט שוין געהאַט פערלאָזען דעם הויף צו טראָ-
גען זיין פּלאַן צו געפינען דעם װעג קיין אינדיען — צום פראַנצוי-
זישען קעניג. אָ, װאָלט איזאַבעלאַ געװען געװאוסט, װאָס זי האָט
אויפגעטהון, אַז דאָס געפונענע לאַנד װעט װערען דאָס „פערשפּראָ-
כענע לאַנד" פון איהרע פערהאַסטע יודען! אָ, װאָלט זי געװען
געװאוסט, אַז טויזענדער יודישע יונגע לייט פון דעם לאַנד האָבען
געהאָלפען צו פערטרייבען שפּאַניען פון דעם לעצטען בעזיץ, װאָס
זי האָט געהאַט אין אַמעריקאַ, פון קובאַ — װאָלט זי נישט געװען
פערזעצט איהר ציהרונג, װי די לעגענדע דערצעהלט, צו געבען
קאָלומבוס׳ן די מעגליכקייט אויסצוגעפינען אַמעריקאַ.

שפעטער, אז איך בין געווען אויף „קבר־אָבות", ביי איהר קבר, וואָס געפינט זיך אין דער קאטעדראלע פון גראנאדא, האָב איך אין דעם שווערען מעטאלענעם אָרון אריינגעשריגען: „שענע קעניגין איזאבעלא, א גרוס דיר פון דיין לאנד אמעריקא. ליעגסט דו נאָך אויף דער זעלבער זייט אין דיין קבר, אויף וועלכער די קארדינאלען האָבען דיך אהעקגעלעגט, אָדער האסטו דיך שוין פיעל מאָל איבערגעדרעהט, צוזעהענדיג דעם „תכלית", וואָס איז געוואָרען פון דיינע שענע קאָנסטבארע ציערונג.

נור לאָמיר צוריקגעהן צו דער אלהאמברא.

פון דעם זאל פון די אמבאסאדאָרען קומט מען אריין אין זאל פון „די צוויי שוועסטער", גערופען אויף דעם נאָמען פון צוויי גרויסע מארמעל־שטיינער, איינגעזעצט אין זיין פוס־באָדען. דאָ איז די מאָזאאיק פון די שטיינדלעך פיעל דינער און איידעלער, און די מאָטיווען פון די אראבעסקען פיעל דעליקאטער, גאָבלער. עס איז דער זאל פון ליעבע. די קליינע נישעס אין די וואנד זענען קליינע מייסטער־ווערק, אין זיי זענען געשטאנען די קריגען מיט די פערפומען און איידעלע איילען. אין א ווינקעל פון זאל געפינט זיך דער קרוג פון אלהאמברא, א קרוג אינגאנצען ווי פון איין גרויסער פערעל געשניצט, מיט גלאזירטע פיגורען. אין א צווייט ווינקעל, ביים פענסטער, וואָס געהט ארויס אין אראנזשען־גאָרטען, געפינט זיך דער ווינקעל „פאפעריטי". דער מייסטער האָט דעם ווינקעל אויסגעזעצט מיט גרויס ליעבע און חשק. פון גלאזירטע פערעל־שטיינדעלעך האָט ער אויסגעזעצט אין די וואנד די הערליכסטע פסוקים פון ליעבע פון אונזער שיר־השירים, און די סטראָפען פון די פערסישע און אראבישע פאָעטען. איין פסוק זאָגט דאָרט: „איך וועל דיך ארונטערטהון אונטער דעם גומען פון מיין צונג". דאָס גאנצע ווינקעל איז אזוי דעליקאט און איידעל און אינטים (זייט מיר מוחל פאר דעם מאָדערנעם אויסדרוק) ווי א גומען. איך שענק אייך די גאנצע אלהאמברא — גיט מיר דאָס ווינקעל. איך וואָלט אין איהם אהעקגעזעצט די אויסדערוועהלטע פון מיין הארץ, אז איהר אלבאסטער־רוקען זאל זיך אָנלעהנען אויף דעם אלבאסטער־זייל, וואָס שטעהט דאָרט אין פענסטערעל, וואָס געהט ארויס אין

אַראַנזשען-גאָרטען. אין דעם ווינקעל וואָלט איך געדיענט צו איהר מיט מיין גאַנצען סעמיטיש-יודישען טעמפּעראַמענט און גייסט...

דער זאַל „פון די צוויי שוועסטער" פיהרט אייך אַרויס אין הויף פון לייבען-ברונעם. מילא די לייבען ווי די לייבען, אָבער דאָס וואַסער, וואָס שפּילט פון די ברונעמס, פאָנטאַנען, נישעס איז אַ ערקוויקונג פאַר דער אויסגעדורשטער נשמה פון אַזאַ הייסען טאָג ווי עס איז דער היינטיגער. אַ שאָד, וואָס עס געפינען זיך נור צופיעל מענשען, ווען דאָ וואָלט קיינער נישט געווען, — און איך, וואָלט געווען דער אַליין-הערשער פון דער אַלהאַמבראַ, וואָלט איך מיינע מיניסטאָרען איבערגעגעבען צו פיהרען די מלוכה-געשעפטען ווי יעדער הערשער טהוט, און אַליין וואָלט איך זיך אַ נאַקעטער געוועזן אַרומגעדרעהט אין דעם הויף צווישען די הונדערט און צוואַנציג אַלבאַסטער-זיילען וואָס רינגלען אַרום דעם הויף, און צוגעזעהן ווי מיינע „קעבס-ווייבער" באָדען זיך אין די וואַסערן, וואָס שפּריצען פון די לייבען-מיילער. פאַר אַזאַ הייסען טאָג וואָלט עס געווען אַ גוטע און נוצליכע בעשעפטיגונג.

נור אויף צום באָדען זיך האָבען די סולטאַנען געהאַט ספּעציעלע בעדער, איינגעריכטעט מיט אַלע בעקוועמליכקייטען. מיט אַ גאַלעריע פאַר די מוזיקאַנטען, און אַ גאַלעריע פאַר'ן כאָר, וועלכער איז געווען פערשטעלט, מען זאָל איהם נישט זעהן. אַ בעזונדערע באָד פאַר'ן סולטאַן און אַ בעזונדערע באָד פאַר די סולטאַניכעס, וועלכע איז געווען פערזעהן מיט פּערפום-פאָנטאַנען, און דאַן די רוה-געלעגערס, וואָס זענען אונטער אַ קופּעלדיגען דאַך, און דורך די פענסטער הערט מען דאָס שווירטשען פון די זינג-פויגעל, און מען פיהלט דעם ריח פון די אָראַנזשען-בוימער. גאָט, די מענשען האָבען געוואוסט ווי צו לעבען...

די נאַכט, איידער איך האָב פערלאָזט גראַנאַדאַ, איז געווען אַ לבנה-נאַכט. איך ווייס נישט, ווער עס האָט מיר געזאָגט, ציאיך האָב געלעזען ערגעץ-וואו, אין אַזאַ נאַכט, ביי דער לבנה-שיין קומען צוריק די געוועזענע איינוואוינער פון דער אַלהאַמבראַ, און

ביים לבנה-ליכט לעבען זיי נאָכאַמאָל דאָס לעבען אין חלום, וואָס זיי האָבען אַמאָל געלעבט אין דער וואָר. אַז שדים דרעהען זיך אין דער אַלהאַמבראַ ביינאַכט — איז אַ בעקאַנטער „פאַקט", וואָס ווערט מיטגעטיילט אין אַלע רייזע-בעשרייבונגען, און אפילו ביים בעקאַנטען אַמעריקאַנער קלאַסיקער וואַשינגטאָן אירווינג, וואָס האָט געלעבט אַליין אַ געוויסע צייט אין דער אַלהאַמבראַ און האָט בע-שריבען איהרע געגענדען. איך האָב גע'חלש'ט צו זעהן די סולטאַ-נען, נאָך מעהר, די שענע סולטאַנקעס: די קעבס-ווייבער, די שקלאַ-פינס, אין דעם ליכט פון לבנה-שיין. כאָטש איין מאָל אין מיין לעבען, מעג עס כאָטש זיין אין געשטאַלט פון שדים. די נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון מיין געלעגער, וואָס איך האָב גע-האַט אין אַ האָטעל נישט ווייט פון דער אַלהאַמבראַ, און געלאָזט זיך אויף דער שדים-אַוואַנטור. די נאַכט איז געווען אַ שטילע און אַ שווייגענדיגע. דער שניי האָט אַראָבגעגלאַנצט פון די בערג אַראָב וואָס רינגלען אַרום גראַנאַדאַ. גראַנאַדאַ אַליין האָט זיך גע-לויכטען מיט טויזענדער ליכט, ווי אַ שטאָדט פון לעגענדע, פון טאָהל אַרויס, וואָס ליגט צופוסענס פון באַרג, אויף וועלכען עס געפונט זיך די אַלהאַמבראַ. די מירטען האָבען אַרויסגעגעבען פון זיך זייערע בשמים, און אַנדערע בוימער און בלומען, אַלע ווי זיי הייסען דאָרט — האָבען געטהון דאָס זעלבע. און איך, אָנגעלאָדען מיט אַ שטאַרקען חשק — לאָז זיך צו דער אַלהאַמבראַ. די וועכ-טער פון דער אַלהאַמבראַ זענען געוואוינט צו אַזעלכע נאַכט-בעזו-כער, וויל די לעגענדען פון די נאַכט-בעוואוינער פון דער אַלהאַמ-בראַ זענען זעהר פערשפרייט און נישט איינער וויל זיי זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען. פאַר אַ געוויסען פרייז (עס איז שוין אפילו דאָ אַ אָבגעמאַכטער פרייז פאַר דעם אויסערגעוועהנליכען שפּעקו-לאַנט, וואָס עס גיבען די נאַכט-שדים אין דער אַלהאַמבראַ ביי דער לבנה-שיין) האָבען זיי מיך אַריינגעלאָזט אין דעם לייבען-הויף פון דער אַלהאַמבראַ. איך האָב זיך אָוועקגעזעצט צווישען די אַלבאַסטער-זיילען אונטער דער קופּעל, אונטער וועלכער עס פלעגט זיצען דער סולטאַן, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם באָדען פון זיינע פרויען. אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך

בין דער סולטאַן און בין גרייט געווען צו זעהן דאָס אויסערגע-וועהנליכע שפּיל. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, מען האָט געהערט דאָס אנגענעהמע איינטעניגע רוישען פון די וואַסער-פאָנטאַנען אין די רינען אריין, וואָס לויפען אַדורך דעם גאַנצען פּאַלאַץ דורך אַלע זיינע זאַלען. די לבנה האָט געשיינט, און די הונדערט און צוואנציג אַלבאַסטער-זיילען פון לייבען-הויף האָבען זיך געלויכ-טען אין דעם לבנה-ליכט, און זיי זענען געוואָרען דורכ-זיכטיג אַזוי ווי די לייבער פון יונגע מיידלעך. פון אומעטום האָט זיך געהערט פייגעל-שוויטשערין. דער געשמאַק פון ציפּרעסען אַראַנזשען און מירטען-בוימער. נאָר קיין „שדים" זענען נישט גע-קומען. עס איז נישט אַרויסגעקומען פון זיינע אינעווענינגסטע צימערן דער סולטאַן אין זיינע גאָלדענע קליידער, אַרומגערינגעלט מיט זיין סוויטע גרויס-וויזירען, טריסים און ד. גל. אַזוי ווי עס איז מיר געוואָרען פערשפּראָכען. עס האָבען זיך אויך נישט בעוויזען די שע-נע שקלאַפינס, קעבס-ווייבער און „פאַוואָריטקעס" באָדענדיג זיך. אין די שפּרונג-וואַסערן, אַזוי ווי עס איז מיר געוואָרען פערשפּראָ-כען. קיינער איז נישט געקומען, זיי האָבען מיך געלאָזט בחנם וואַרטען אפילו נישט די קעגיגין איזאַבעלאַ, וועלכע שלייפט יעדע נאַכט די מאַרמאָרענע פוס-באָדענס פון דער אַלהאַמבראַ מיט איהר שלעפּע פון קלייד, אָנגעטהון אין איהר מלוכה-קרוין, האָט זיך אויך נישט בעוויזען. קיינער, קיינער האָט זיך נישט בעוויזען. איך בין געווען אַליין, עס האָט זיך נור געהערט דאָס שטילע רוישען פון די וואַסער-ברונעמס. עס האָט זיך „געהערט" דאָס רייבען פון דעם לבנה-ליכט אין די אַלבאַסטער-זיילען, און עס האָט זיך „געהערט" דער געשמאַק פו די פערפומען, וואָס האָבען אַרויסגעגעבען פון זיך די גערטנער פון דער אַלהאַמבראַ. נור פלוצים, ווי איך בין אַזוי געזעסען און בע-טראַכט דעם דורכזיכטיגען אַלבאַסטער, האָט אַ אינערליכע שרעק מיך אַרומגענומען. איך האָב מיך נישט דערקענט, און נישט גע-וואוסט, ווער איך בין. איך האָב זיך אַליין פערלוירען און נישט פאַר די אַלבאַסטער-זיילען, וואָס האָט זיך מיר איצט געדאַכט, אַז זיי האָבען אָנגענומען געשטאַלטען פון לעבען און אָנגעהויבען זיך צו בעוועגען. ניין, די אַלבאַסטער-זיילען זענען נאָך נישט פערוואַנדעלט

נעוואָרען אין פרויען-געשטאַלטען — ווי עס האָט זיך מיר אויסגע-ראַכט. זיי זענען נאָך געווען זיילען. נור פאַר זיך אַליין האָב איך זיך דערשראָקען. עס האָבען אָנגעהויבען צו רעדען אין מיר שטימען, וואָס איך האָב נישט געקענט. איך האָב נישט דערקענט דעם שאָ-טען פון מיין אייגען געשטאַלט, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט צווי-שען די זיילען. איך האָב נישט דערקענט מיינע הענד — איך האָב זיך נישט געקענט, און דערשראָקען זיך פאַר דעם „שד", וואָס זיצט אין מיר. מעהר ווי פאַר אַלע „שדים" פון דער גאַנצער וועלט...

און איך בין אנטלאָפען פון זיך אַליין...

סעוויל I

נאָך אַ טאָג רייזע, פון פריהמאָרגען אָן, איבער פעלדער, וואָס זענען בעזייהט מיט שטיינער, פליסענדע ווילדע שטראָמלען, אָבגעהאַקטע צופאַלענע ראַקען־בערג, איבער וועלכע מען זעהט איי־זעלען, בעלאָדענט מיט גאַנצע הויז־געזונדען מיט זייער בעטגעוואַנד און ווירטשאַפט, היפּען און שפּרינגען — בין איך שפּעט אין דער נאַכט אַריינגעקומען קיין סעוויל, די שענסטע און בלוטיגסטע שטאָדט פון שפּאַניען. שפּעט ביינאַכט — און די גאַסען זענען בעלעבט, ווי בייטאָג. נאָך מעהר ווי בייטאָג, וואָרום, ווי איך האָב זיך שפּע־טער איבערצייגט, שלאָפען די סעווילער בייטאָג און זענען וואַך ביינאַכט. געזאַנג הערט זיך פון די פערמאַכטע סודות־פולע באַל־קאָנען אַרונטער, שפּיעלען און גערויש גיסט זיך אַרויס צוזאַמען מיט׳ן העלען עלעקטרישען ליכט פון די שענקען, וויין־שטובלעך און אַלע אַנדערע קרעטשמעס אויף יעדען שריט און טריט, און די טראָטואַרען, ניין, די גאַסען זענען איבערגעשווענט ווי רינשטאָקען נאָך אַ רעגען מיט מענשען, ווייבער, מענער, מיידלעך, קינדער און קינדער.

צומאָרגענס אין דער פריה, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און בין אַרונטער אין גאַס — האָב איך געפונען די שטאָדט אַ רוה־ענדע און שלאָפנדיגע. די לאָדענס פערמאַכט איבער די פענסטער און זייערע בלאָהע פאַרבען איבער די ווייסע אָבגעקאַלכטע ווענד פון די הייזער זעהן אויס ווי בלאָהע ברילען, וואָס יעדער איינער אין סעוויל טראָגט צו פערהיטען די ראיה פון דער בלענדענדער זון. אַזוי ווי אין גראַנאַדאַ, און נאָך מעהר ווי אין גראַנאַדאַ, וואַק־סען דאַ אַראַב איבער אַלע דעכער רויזען פון בלומען־טעפּ. אַלע

באלקאָנען, פענסטער, טהירען און טויערען, מיט איין וואָרט אַלע ווענד פון די הייזער, וועלכע זענען בלענדענדיג וויים אָבגעקאַלעכט, זענען בעוואַקסען און בעשאָטען מיט רויטע רויזען, וואָס קריכען אַרוים פון בלומען-טעפּ.

מיך האָט געפיהרט קיין סעוויל די אינקוויזיציע. אין דער דאָזיגער שטאָדט איז זי, די אינקוויזיציע, צום ערשטען מאָל איינגעפיהרט געוואָרען דעם 2 יאַנואַר 1481, אין קלויסטער סט. פּאַול. דאָ האָט זי אַמווילדסטען געבושעוועט, מעהר ווי אין אַלע אַנדערע שטעדט אין שפּאַניען. אין איין יאָהר האָט די אינקוויזיציע פערברענט צוויי הונדערט און אַכציג מאַראַנען. די שטאָדט האָט ספּעציעל צו דעם צוועק אָבגעגעבען אַ בעזונדערען פּלאַץ, די „טאַבלאַדאַ", אויף וועלכען מען האָט פאַרבענט אויפ'ן מזבח פון דער קירך די קרבנות. דאָ האָט זי אַמלענגסטען געדויערט. איבער דריי הונדערט יאָהר. ערשט נאַפּאָלעאָן, ווען ער האָט איינגענומען שפּאַניען, האָט זי אָפיציעל אָבגעשאַפט, נאָר קוים איז נאַפּאָלעאָן פערשיקט געוואָרען אויף סט. העלענא און די רעאַקציע האָט אָנגעהויבען צו הערשען, האָבען די סעווילער אַזוי שפּעט ווי אין ניינצעהנטען יאָהרהונדערט (אין יאָהר 1826) געפּרובט נאָך אַמאָל זי צו בענייען, נאָר עס זעהט אויס, אַז עס איז שוין געווען אַביסעל צו שפּעט. די ערשטע זאַך, וואָס איך וויל זעהן אין סעוויל, איז דער קלויסטער סט. פּאַול. זעהן מיט מיינע אויגען דעם טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע, וואו טאָרקוועמאַדאָ האָט געהערשט, איך נעהם אַ פערד און וועגעלע און הייס מיך גלייך צופיהרען צום קלויסטער.

דער קלויסטער שטעהט אין מיטען האַרץ, וואו עס איז אַמאָל געווען דער יודישער קוואַרטאַל און רופט זיך נאָך ביי דעם נאָמען „יודעריאַ", נישט ווייט פון דער שוהל „סט. מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ", די איינציגע שוהל, וועלכע איז נאָך ביז היינטיגען טאָג געבליבען אַ קירך. דער קלויסטער איז פערשלאָסען מיט זיבען רינגען. דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך מיר אין די אויגען, איז די שטאַרכענעסט, וואָס געפינט זיך אויפ'ן גלאָקען-טורעם פון קלויסטער. עס מאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק צו זעהן צוויי באַטשאַנעס שטעהען אויף איין פיס אין דעם גלאָקען-טורעם. עס דאַכט זיך, אַז דאָס זענען די

שמות פון די קרבנות, וואָס זענען דאָ אין קלויסטער געפּייניגט געוואָרען און זענען נאָך זייער טויט צוריקגעקומען און האָבען זיך געשטעלט אויפ'ן דאַך פונ'ם קלויסטער-טורעם...

איך ווענד מיך צום דיענער פון קלויסטער, אַ פערשלאָפע-נער גוי, אַז איך וויל אַריינגעהן אין קלויסטער. ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— סע איסי לאַ טריבונאַל דע אינקוויזיציאָן? — פּרוב איך מיך פערשטענדלעך צו מאַכען פאַר'ן דינער, ווי ווייט איך קען, דעם צוועק פון מיין בעזוך אין קלויסטער.

— סי, סי, סי — שאָקעלט דער דיענער מיט'ן קאָפּ, און אַריינלאָזען לאָזט ער מיך נישט אַריין:

איך פּערזוך דאָס אַלטע אויסגעפּרובטע מיטעל, וויל איהם געבען געלד, עס העלפט אָבער נישט.

שפּאַניען שעהמט זיך היינט מיט אַלעם, וואָס דערמאָהנט די אינקוויזיציע און בעהאַלט עס פאַר פרעמדע אויגען. עס זעהט אויס, אַז דער היטער האָט געקריגען אַ שטרענגען בעפעהל קיינעם נישט אַריינצולאָזען אין קלויסטער:

איך זעה, אַז אָהן אַ פיהרער וועל איך אין סעוויל נישט אויס-קומען, און נעהם דעם וואָגען און פאָהר צוריק אין האָטעל אַריין.

איך רעד זיך אַדורך מיט'ן פּאָרטיער פון האָטעל, וועלכער פערשטעהט ענגליש, אַז ער זאָל מיר געבען אַ פיהרער צו ווייזען מיר דעם סט.-פּאַול" און די „טאַבלאַדאַ".

— סט. פּאַול? — וואונדערט ער זיך — עס איז אַ קליינע קירכע, אונבעדייטענד, און קיינער פון די געסט בעזוכט קיינמאָל נישט דעם קלויסטער. עס האָט קיין אינטערעס נישט. און „טאַבלאַ-דאַ" ווייס ער גאָרנישט וואָס דאָס איז, אַזאַ אָרט געפינט זיך גאָר-נישט אין סעוויל. — „על קוועמאַדערא" — וואו מען האָט פער-ברענט די מאַראַנען.

— אָ, דאָס! וואונדערט ער זיך. — דאָס איז געווען אַמאָל, היינט איז עס שוין נישטאָ; היינט פערברענט מען שוין נישט קיין מענשען אין סעוויל, — פערזיכערט מיך דער פּאָרטיער.

— איך ווייס, איך ווייס, אַז מען פערברעגט שוין מעהר נישט היינט קיין מענשען אין סעוויל, איך וויל אָבער זעהן דעם פּלאַץ, אויף וועלכען מען האָט פערברענט אמאָל.

א „באַקשיש" האָט געהאָלפען מעהר ווי אַלע אַרגומענטע און ער האָט מיר געגעבען א „פיהרער", וועלכער רעדט ענגליש ווי ער האָט מיר פערזיכערט, און ער וועט מיך שוין פיהרען ווייזען אַלצדינג, וואָס איך וויל זעהן.

נאָר דאָ האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען מיינע צרות.

איך האָב אָנגעקוקט מיין פיהרער, וועלכער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט: „מיסטער אַמעריקאַנאָ, איי ספיק אינגליש". עס איז געווען א פרעהליכער לוסטיגער „סאַנשאָ פּאַנשאָ" און איך האָב איהם טאַקי אַזוי גערופען. א נידריגער, א קורצער, מיט א קורצען האַלז און א פּאָר לעבעדיגע אויגען. א פרעהליך, „לוסטיג" בייכעל האָט אַרויסגעשמייכעלט פון זיינע צו־ענג צוגעבונדענע הויזען, זיינע הענד זענען ביי איהם נאָך לעבעדיגער ווי זיינע אויגען, דאָרט, וואוהין זיינע אויגען בלישטשען, דאָרט וואַרפען זיך זיינע פינגער, און וואָס ער קאָן נישט דערזאָגען מיט זיינע ליפּען — זאָגען דאָס די אויגען, און וואָס די אויגען קאָנען נישט — טהוען דאָס די הענד. מיט איין וואָרט: „סאַנשאָ פּאַנשאָ".

אַז מיר זענען אָבגעגאַנגען א טריט צוואַנציג — דרייסיג, זענען מיר אָנגעקומען צו א שענק. מיין פיהרער האָט זיך אָבגע־שטעלט. ווייטער געהט ער נישט. און צווישען איהם און מיר האָט זיך ענטוויקעלט א געשפּרעך, וואָס איז בעשטאַנען א טייל ווערטער פון דער ראָמאַנישער שפּראַכען־משפחה, א טייל ווערטער פון די גערמאַנישע, סלאַווישע און סעמיטישע משפחות, נאָר אַממעהרסטען האָט צווישען אונז גערעדט דאָס בשותפות'דיגע „משפחה'דיגע" פון הענד און פינגער און אויגען, וואָס ווען מען זאָל דאָס אַלעס איי־בערזעצען אויף איין מענשליכען לשון, וואָלט דער הויפּט־געדאַנק דערפון אַרויסגעקומען אַזאַ:

ער: מיסטער אַמעריקאַנאָ, אין דער שענק דאָ קריגט מען דעם בעסטען „סינזאַנאָ" ווערמוט — ווילסטו נישט אַריינגעהן און פערזוכען פון גוטען טראָפּען?

איך: איך וויל געהן צום קלויסטער סט. פאול און זעהן דעם טריבונאל פון דער אינקוויזיציע.

ער: סי, סי, סי סט. פאול-טריבונאל, אינקוויזיציע. סי, סי, סי, נאר א טרונק קאן מען נעהמען סיי ווי סיי, אלע „אמעריקאנא" נעהמען דא אין דער שענק א טרינק סינזאנא — סא טרעבאן. גוט, גוט. מאניפעסטירט ער פאר מיר דעם גוטען געטראנק מיט דעם, וואס ער שנירט צוזאמען זיינע ליפען, און ציהט דעם זיסען טעם פון דעם געטראנק מיט זיינע פינגער פון זיינע צוגעשנירטע ליפען ארויס.

געזעהן, אז אהן א טרינק וועט עס נישט געהן, האב איך איהם צוליעב געטהון. נאכ'ן טרינק, וועלכען ער האט פערביסען מיט א ציגאר, וואס איז שווארץ געווען ווי ערד, האבען מיר זיך ביידע געלאזט אין וועג אריין.

אבגעהענדיג א טריט פופציג, צי הונדערט — מיין „פיהרער" בלייבט ווידער שטעהן.

דאס מאל איז עס געווען פאר א פיש-רעסטאראן, פון וועלכען עס האט זיך געהערט דער ריח פון אייל-געפרעגעלטע אויסטערס אין דער גאס ארויס. אין שוי-פענסטער איז געווען אויסגעלעגט אלעס לעבעדיגעס, וואס געפינט זיך אין ים. פון ים-פיש ביז ים-חזירים, כראבענדזשעס, ראקעס, זשאבעס, ווערים מיט וואנסעס און ווערים אהן וואנסעס, וואס בלויז אויפ'ן בלויזען אנבליק קאנסטו חלש'ן.

צווישען אונז איז פערפיהרט געווארען א געשפרעך אין דער אויבענדערמאהנטער שפראך.

ער: מיסטער אמעריקאנא, ביזטו נישט הונגעריג?

איך: ניין, איך וויל געהן זעהן דעם טריבונאל פון דער אינקוויזיציע אין קלויסטער סט. פאול.

ער: טריבונאל, אינקוויזיציע סי, סי, סי, נאר דא קריגט מען ים-ראקעס, וואס צוגעהן אין מויל, כראבענדזשעס, וועלכע זענען פוטער און מילך — שנירט ער ווידער צוזאמען זיינע ליפען, פערמאכט פאר גענוס זיינע אויגען און פוכערט זיך מיט דער האנד דעם געשמאק פון די אייל-געפרעגעלטע אויסטערס אין דער נאז

אין מויל אַריין, ווי עס וואָלט איהם געווען אַ שאָד צו פערליערען אַ הויך פון די גוטע מאכלים. „אַלע אַמעריקאַנער, וואָס קומען קיין סעוויל, עסען דאָ ראַקעס איז דעם רעסטאָראַן, און ווי אַזוי קאָן איך דאָס נישט טהון?

א י ך: איך וויל געהן אין סט. פאַול זעהן דעם טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע.

ע ר: סי, סי, סי, — זאָגט ער צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — סט. פאַול, טריבונאַל אינקוויזיציע — נאָר איצט איז שוין דער קלויסטער געשלאָסען, מיטאָג צייט — די גאַנצע וועלט עסט איצט. און דערביי האָט ער דאָס געזאָגט מיט אַזאַ וויינענדיגער גרימאַסע, אַז איך האָב רחמנות געקריגען אויף איהם און האָב איהם צוליעב געטהון און בין אַריינגעגאַנגען מיט איהם אין רעסטאָראַן.

„סאַנשאַ פאַנשאַ" איז אַרויפגעפאַלען אויף מיר און האָט מיך געוואָלט קושען. קושען פון איהם האָב איך זיך נישט געלאָזט אַרום האַלזען האָב איך זיך געמוזט לאָזען און ער האָט אָנגעהויבען צו וואַרפען מיט זיין צונג פון זיין מויל אַרויס ווערטער און זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט, און זיינע הענד האָבען זיך געוואָרפען, וואָס איך האָב פערשטאַנען דערפון, אַז נאָכ'ן עסען וועט ער מיר אַלצדינג ווייזען, אַלע אינקוויזיציעס, אַלע טריבונאַלען, דעם גרויס-אינקוויזיטאָר אַליין.

נאָכ'ן עסען — נאָך וועלכען מיין „סאַנשאַ פאַנשאַ" האָט גענאָגט, געלעקט זיינע וואָנסעס די גאַנצע צייט און נישט אויפגעהערט צו קוויקען זיך מיט דעם טעם, וואָס די געפרעגעלטע ים-מייז האָבען איבערגעלאָזט אין זיינע וואָנסעס, האָט ער געקוקט אויף מיינע שיך און אויסגעפונען, אַז מיינע שיך דיענען מיר שוין נישט גוט און פאָרגעלעגט זיין דיענסט מיך צו פיהרען צום בעסטען שוסטער פון סעוויל — נור עס האָט איהם שוין גאָרנישט מעהר געהאָלפען, נישט זיינע הענד און נישט זיינע אויגען, און נישט זיין וויינענדיגע מינע — ער האָט מיך געמוזט פיהרען צום קלויסטער „סט. פאַול".

און דאָס, וואָס מיין בייטעל האָט נישט געקאָנט פועל'ן, האָט געהאָלפען „סאַנשע'ס" רייד. ער האָט אַזוי לאַנג אַריינגע-

רעדט אין דעם קלויסטער-היטער׳ס פנים אַריין, דערביי איהם אָנהאַלטענדיג פעסט ביי ביידע קלאַפּעס מיט ביידע הענד — ביז דער היטער פון קלויסטער האָט איינגעוויליגט צו עפענען די טהירען פאַר מיר, נור ער וועט צוערשט געהן זעהען, אויב די נאָנעס, וועלכע בעוואוינען דעם קלויסטער, דאַווענען נישט איצט אין איהם.

נור אינוועניג אין קלויסטער איז געווען וועניג וואָס צו טהון. דער קלויסטער ווערט בעוואוינט היינט פון נאָנעס, וועלכע זענען אָבגעשניטען פון דער וועלט און ער איז צוגעפּאַסט געוואָרען צו זייער געברויך. שלעכטע קירכען-בילדער, נאָך ערגערע האָלץ-שניצערייען, סטאַטועען פון הייליגע פילען אָן די קירכע. די צעלען, אין וועלכע מען האָט אַמאָל געהאַלטען די געפאַנגענע מאַראַנען, זענען איבערגעמאַכט געוואָרען אויף וואוינונגען פאַר די נאָנעס. איך האָב געהערט, אַז די נאָנעס אין די צעלען זאָלען פיעל דאַווענען און תפלה טהון. זיי האָבען טאַקי פיעל צו בעטען, נאָר זייערע הייסע געבעטען וועלען נישט אָבווישען די טרעהרען, זייער ברומען און קרעכצען וועלען נישט שטיל מאַכען יענע קרעכצען, וואָס זענען איינגעשניטען געוואָרען אין די ווענד פון די צעלען פון די קרבנות פון דער אינקוויזיציע. יעדענפאַלס טהוען זיי גוט, וואָס זיי בעטען פיעל אין דעם קלויסטער. פיעל איז דאָ געזינדיגט געוואָרען. דער קלויסטער איז דער שוואַרצסטער שאַנדפלעק, וואָס לאַסטעט אויף דער שפּאַנישער קירכע, און קיינע טרעהרען פון נאָנעס זענען נישט אימשטאַנד דעם שוואַרצען פלעק ווייסצוואַשען. די ווענד פון דעם קלויסטער זענען בעשפּריצט מיט בלוט פון לעבעדיגע מענשען פונקט אַזוי, ווי דער מזבח פון דעם מעקסיקאַנישען טעמפּעל, וועלכען די שפּאַניער האָבען געפונען, ווען זיי האָבען איינגענומען די מעקסיקאַנישעווילדע אינדיאַנער, און קיין געבעט קאָן דאָס מענשען-בלוט נישט אָבוואַשען...

נאָר איידער איך האָב פערלאָזט דעם קלויסטער האָב איך בעמערקט אַנ׳אייזערנע טהיר שווער פערהאַקט, נאָך גרויס מיה איז מיר דאָך געלונגען צו זעהען, וואָס געפינט זיך הינטער דער טהיר—הינטער דער טהיר האָט זיך געפונען דער טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע.

שוואַרצע בענק אַרום אַ הויכען סאַמעטענעם שטוהל—קיהלע נאַקעטע װענד—איבער דעם רויטען סאַמעטענעם שטוהל הענגט אַ נאַקעטער קאַלטער קרייץ.

און דער קרייץ האָט צוגעקוקט און געזעהען אַלץ, וואָס ווערט געטוהן אין זיין נאָמען.

מען זאָגט, אַז פון צייט צו צייט בעווייזען זיך טראָפּענס בלוט אויף דעם האַרץ פון דעם מענשען, וואָס הענגט דאָרט אויף דעם צלם, אין דער נאַקעטער קאַלטער שטוב. צי איז דאָס נישט דאָס בלוט פון די אנוסים, וועלכעס זידט און קאָן זיך נישט בערוהיגען?..

די „טאַבלאַדאָ“, דאָס אָרט, אויף וועלכען מען האָט פערברענט די קדושים, געפינט זיך ווייט הינטער דער שטאָדט. היינט איז אויף דעם אָרט אַ סטאַציע פאַר אַוויאַטאָרען. די פיער סטאַטועז פון די נביאים, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ, כּדי צוצוזעהען, ווי מען פערברענט מענשען, געפינען זיך היינט שוין נישט.

נישט ווייט פון קלויסטער „סט. פּאַאול“, ווי איך האָב שוין דערמאָהנט, געפינט זיך די געוועזענע שוהל פון דער סעווילער קהלה, וועלכע מען האָט נאָכ׳ן גירוש פערוואַנדעלט אין אַ קירכע, און זי איז די איינציגע שוהל, אויף וויפיעל איך ווייס, וועלכע דיענט נאָך ביז׳ן הייגטיגען טאָג פאַר אַ קירכע. די אַנדערע שוהלען אין טאָלעדאָ, אין קאָרדאָוואַ זענען אויסגעלעדיגט געוואָרען פון די קריסטליכע קירכליכע הייליגע, און פערוואַנדעלט געוואָרען אין מוזעאומס. פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע שוהלען אין טאָלעדאָ, אין קאָרדאָוואַ און אין אַנדערע שטעדט, ווערט זי אויך גערופען מיט דעם נאָמען „ס״ט-מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ“. אַ מערקווירדיגע זאַך, וואָס די קירך האָט דוקא גערופען די שוהלען אויף דעם נאָמען פון „מאַריאַ די ווייסע“, דאָס הייסט די פרעהליכע, די הייליגע מוטער ווערט אָנגערופען מיט דעם נאָמען, ווען זי ווערט פאָרגעשטעלט, ווי זי פרעהט זיך מיט׳ן קינד אויף דער האַנד, אין געגענזאַץ צו דער הייליגער „מאַריאַ די טרויעריגע“, ווען זי ווערט פאָרגעשטעלט אַלס קלאָגערין אויף דעם טויט פון

איהר קינד. צי האָט די קירכע נישט געוואָלט דערמיט אָנצייכענען, אַז די מוטער פון גאָט פרעהט זיך, ווען מען האָט צוגענומען אַ שוהל ביי יודען...

עס איז אַ ריס אין הארצען צו זעהען אַ שוהל, אין וועלכער יודען האָבען געדאַווענט, אָנגעפילט מיט הייליגקייטען פון אַנ'אַנדע- רער רעליגיע. נישט אויס רעליגיעזע געפיהלען, אויך נישט אויס נאַציאָנאַלע, נאָר אויס ריין מענשליכע האָט עס מיר וועה געטהון. איהר קאָנט נאָך זעהען דעם אָרט, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען דער ארון-הקודש (איהר דערקענט עס אין דעם קליינעם פענסטערל איבער'ן ארון-הקודש אין דער וואַנד) און היינט געפינט זיך אין דעם ווינקעל אַנ'אַלטאַר פאַר אַ פרעמדען גאָט. איהר דערקענט נאָך אויך די גאַלעריע פון דער ווייבער-שוהל, וועלכע איז עהנליך צו דער שוהל אין טאָלעדאָ. די ווענד זענען בעקלעבט און בע- האַנגען מיט שלעכטע גיפסען-און האָלץ-שניצערייען, וואָס שטעלען פאָר מלאכים און הייליגע אין שלעכטען ראָקאָקאָ-סטיל צוגעקלעבט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען. די הייליגע און די מלאכים און די געטער קוועטשען זיך צוזאַמען און קאָנען זיך נישט געפינען קיין פּלאַץ אין דעם ענגען בעשיידענעם רוים, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די שוהל, און ווי פרעמד איז דאָס אַלעס דאָ אויף דעם פּלאַץ! די צוויי קליינע בעשיידענע זיילען, וועלכע האַלטען אונטער דאָס געוועלב פון דער שוהל, זענען די איינציגע עדות פון די צייטען, ווען זיי האָבען זיך אָנגעהערט יודישע תפלות. זיי שטעהען ווי פערשעמטע איינגעהילט אין צער—און ווי נידעריג און טרויעריג לאָזט זיך אַרונטער די טהיר פון איינגאַנג. אויף איהר לייסטעל איז אַמאָל געהאַנגען אַ מזוזה, היינט—אַ צלם. ווי קומט די טריאומפירענדע מיליטערישע קירכע, וועלכע בעדאַרף ריזיגע גאָטישע טעמפּלען אַרויסצוווייזען איהר מאַכט, אין אַזאַ בעשיידענעם אָרימען אָרט, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען פאַר אָרימע מענשען צו קומען און אויסצוגיסען זייערע הערצער פאַר גאָט.

דורך דער דאָזיגער שוהל האָט מען פאַרבייגעטריבען די אנוסים, ווען מען האָט זיי געיאָגט מיט'ן שטריק אָנגעבונדען אויפ'ן האַלז אין קלויסטער סט. פּאָול צום אינקוויזיציע-טריבונאַל. וואָס

האָבען זיי געמוזט דענקען, ווען זיי האָבען געזעהען דעם צלם אראָבשיינען איבער דער טהיר, איבער וועלכער עס איז געהאנגען א מזוזה? צי האָט זיי די שוהל נישט דערמאָהנט זייער אייגענעם גורל? גאָט איז מיט זיי אין גלות, און פונקט אַזוי ווי זיי—ליידט א יך גאָטס הויז. די שוהל איז דערזעלבער מאַראַן, און צי איז זיי די שוהל נישט געווען אַ לעצטע טרייסט, א דערמאָהנונג אויף זייער וועג צום טויט? זיי האָבען אויסגעשטרעקט צו איהר די הענד, און נאָך אַמאָל געשוואוירען: מיר וועלען דיר טריי בלייבען!

איך פלעג אַמאָל טראַכטען, אַז פיעל גרעסערע קדושים ווי עס זענען געווען די שפאַנישע אנוסים—זענען געווען די ערשטע אשכנזים פון די צייטען פון די קרייץ־צוגען דערפאַר, וואָס די לעצטע זענען נישט איינגעגאַנגען אויף קיינע קאָמפּראָמיסען און ווען עס האָט זיך פאַר זיי געשטעלט די פראַגע: לעבען אלס קריסטען אָדער שטאַרבען אַלס יודען—האָבען זיי אַליין מיט זייערע אייגענע הענד געגעבען דעם ענטפער. איך האָב נישט געוואוסט, פאַרוואָס עס נעהמען זיך אַזוי איבער די שפּאַנישע יודען, וועלכע האָבען דאָך סוף־כל־סוף אויסגעקליבען דאָס בעקוועמערע פאַר זיך— דאָס לעבען, און איך מוז מודה זיין, אַז איך בין זעהר שטאָלץ געווען, וואָס איך בין אַן אָבשטאַם פון די אשכנזים, פאַר וועלכע די פראַגע האָט גאָרנישט עקזיסטירט. היינט בין איך געקומען צו אַן אַנדערער איבערצייגונג. די שפּאַנישע יודען האָבען זיך טאַקע מיט וואָס איבערצונעהמען. מיר דאַרפען נישט פערגעסען, אַז די אנוסים, ד. ה. די, וועלכע זענען געגאַנגען אַזוי העלדיש צו די פייער־מזבחות, זענען נישט געווען אַזעלכע, וואָס זענען אַליין אַמאָל געווען יודען (נור אין ווינציגע פאַלען), מעהרסטענס זענען זיי שוין געווען קריסטען פון דורות. אין די מאַראַנען האָט דער כח פון יודישקייט זיך אַמשטאַרקסטען ענטפּלעקט מיט דעם, וואָס ער האָט געקאָנט אויפהאַלטען דעם יודישען פלאַם, די אָפּפערוויליג־קייט פאַר „קדוש השם" אין אַזעלכע, וועלכע זענען געבוירען געוואָרען קריסטען ביי קריסטליכע עלטערן, פערנומען די העכסטע שטעלען אין דער געזעלשאַפט, משדך געווען זיך מיט די אַריסטאָ־קראַטען פון לאַנד, אַליין געווען שוין פרייע מענשען, נאָר ערגיץ

וואו בעהאַלטען האָט געציקט אַ שטילער פלאַם, און אָט דער שטי־לער בעהאַלטענער פלאַם, פערבאָרגען אין די פינסטערע קעלערען, האָט געשפייזט אַ געפיהל, פאַר וועלכען מען האָט דערנאָך אַלץ מקריב געווען, אַ לעבען פון העכסטען גענוס און גלאַנץ—און פאַרוואָס? פאַר אַ׳אמת.

און דער חילוק ביז זונז, היינט?

אויך אין אונזערע צייטען שמד׳ן זיך יודען נישט [illegible] אויס וואוילטאָג. אין מעהרסטע פאַלען ווערען זיי געיאָגט דערצו פון פאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע סבות. פונקט אַזוי ווי די אנוסים אין שפאַניען. נור ווען אונזערס אַ יוד שמד׳ט זיך, איז אָדער ער אַליין שוין, אין בעסטען פאַל זיין זוהן, ווערט אַ צורר, אַ מוסר און אַנ׳אַנטיסעמיט. איבערהויפט אין פוילען. די אייניקלעך און די אור־אייניקלעך פון די שפאַנישע אנוסים האָבען ארויסגעגעבען פון זיך „שלמה מלכו׳ס“...

סעוויל II.

(צווישען מאַראָקאַנער יודען)

און דוקא סעוויל. אָט די שטאָדט, וואָס האָט מיט איהר אויסגעראָטען צום גרונדליכסטען יעדען שפּור פון דער יודישער אמונה, און צום ווילדעסטען, מיט אומגעהערטער אכזריות, גע־רודפ׳ט די אנוסים, — איז די איינציגע שטאָדט היינט אין שפּאַניען, אין וועלכער איך האָב געפונען יודען... עס איז אזוי, ווי די יודי־שע עקשנות וואָלט זיך פערמאָסטען מיט דעם יודישען גורל, ווי זי האָט עס שוין אזוי פיעל מאָל געטהון אין דער געשיכטע, דוקא אויף דעם פעלד, וואו עס איז אויסגעבערענט געוואָרען יעדעס גרעזעל, דוקא דאָרט איז נאָך אמאָל פערזייט געוואָרען דער יודי־שער זוימען...

אַ מאָדנער צופאַל האָט מיך געפיהרט צו „ענטדעקען" די יודען אין סעוויל.

עס איז געווען אין אַ זונטאָג און איך האָב זיך געפונען אין אַ אָרימען אַרבייטער־קוואַרטאַל. אויף דער גאַס האָב איך בעמערקט פיעל פרויען און מיידלעך אָנגעטהון אין דעם אָנציהענדען אינטע־רעסאַנטען סעווילישען טראַכט. מיט וועלכען מען ווערט נישט מיעד זיך צו קוויקען — געהען איינצעלנע אָדער גרופּענווייז, האַלטענדיג אין די הענד הייליגע בילדער מיט אָנגעצונדענע ליכט, און האָבען זיך אַלע געלאָזט אין איין קאָרידאָר אַריין. איך בין נאָך זיי נאָכ־געגאַנגען און האָב געפונען דעם גאַנצען הויף אויסגעצירט און אויסגעהאָנגען מיט ווייס־געוואַשענע לײלעכער, פאָרהאַנגען און אַנ־דערע בעהענגעכצען איבער די באַלקאָנען, לויט דעם שפּאַנישען אָרט. אין מיטען הויף ביי אַ וואַנד איז געשטאַנען אַ ביהנע, אויף וועלכער עס זענען געווען אויסגעשטעלט אַלע הייליגע בילדער פון

די שטובען אַרויס פון דער גאַנצער גאַס. פרויען און מיידלעך אין חיימען אָנגעטהון האָבען זיך געפּאָרעט אַרום די הייליגע בילדער מיט די ליכט און געזונגען זעהר מוזיקאַלישע לידער, וואָס האָבען איבעריגענס, דערמאָהנט אין יודישע רעליגיעזע נגונים. איך בין געוואויר געוואָרען, אַז דאָס פראַווען די איינוואוינער פון דער גאַס אַ קירכען־יום־טוב אויף דעם נאָמען פון אַ הייליגען, וועלכער איז דער בעשיצער פון דער גאַס, ווי עס איז דער מנהג אין שפּאַניען צו פראַווען יום־טובים פון הייליגע יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

איך האָב שוין געוואָלט פערלאָזען דעם הויף, ערשט איך זעה אין אַ ווינקעל, פעררוקט אין אַ נישע, וואו עס געפינט זיך דער בשותפות'דיגער וואַש־בעקען פונ'ם הויף, שטעהט אַ פרוי אין מיטען יום־טוב און וואַשט וועש. עס געהט איהר נישט אָן די קירכען־געזאַנגען. זי טהוט זיך דאָס איהריגע. מיך האָט פעראינטערעסירט צו זעהען די אַפּיקורסטע, וועלכע וואַגט זיך צו טהון אַזאַ פראָזאאיש־וואָכעדיגע אַרבייט אין שפּאַניען אין מיטען פון אַ קירכען־יום־טוב. ערשט איך בעמערק די פרוי טראָגט אַ טיכעל, וואָס פערדעקט איהרע האָר, ווי עס איז דער מנהג ביי די אָריענטאַלישע יודישע פרויען. אַז איך בין נעהנטער צוגעקומען, האָב איך דערזעהען דאָס יודישע פנים, און איך האָב געוואַגט מיך צו ווענדען צו איהר מיט דער פראַגע: „יהודית?" די פרוי האָט מיך אָנגעקוקט ערשטוינט, און שמייכלענדיג האָט זי מיר געענטפערט אויך מיט אַ פראַגע: „יהודי?" איך האָב געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ. זי האָט זיך דאַן פלינק די הענד אָבגעווישט, איבערגעלאָזט איהר וועש און מיך אַריינגעבעטען אין שטוב אַריין.

אין שטוב האָב איך געפונען צוויי מענער, איינער אַ עלטערער, דער צווייטער אַ יונגערער (אַ טאַטע מיט אַ זוהן, ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרען) זיצען ביי אַ ווערקשטעל און נעהען שיך. די פרוי האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי מיט אַ שמייכלענדיג פנים: „יהודי!"

די מענער האָבען איבערגעריסען די אַרבייט. זעהט אויס. אַז נישט יעדען טאָג מאַכט זיך זיי די געלעגענהייט צו זעהען איינעם פון זייערע „גלויבענס־גענאָסען", און זיי האָבען מיך פריינד־

ליך איינגעלאַדען צום טיש, אויסגעפרעגט מיך פון וואַנען איך קום און ווער איך בין. פון זיי בין איך געוואויר געוואָרען, אַז זיי זענען מאַראָקאַנער יודען און קומען פון שפּאַנישען מאַראָקאָ. זיי זענען אַ פּיער, פינף פאַמיליעס אינגאַנצען אין סעוויל, וועלכע האָבען איינגעוואַנדערט צייט קעניג אַלפאָנסאָ האָט חתונה געהאַט, און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען רעליגיעזע טאָלעראַנץ אין שפּאַניען. קיין מנין האָבען זיי נישט. שבת און יום־טוב קומען זיי זיך צוזאַמען צום רייכסטען פון זיי, צום „נגיד", וואָס וואוינט דאָ אין צווייטען הויף, און זיי דאַווענען צוזאַמען. אין בעזונדערע „אָקאַזיאָנס" ברענגען זיי אַראָב אַ „רבי" פון מאַראָקאָ. צום ביישפּיעל, ווי דאָ נישט לאַנג ביי „אסתר'ס" חתונה. אסתר (בין איך שפּעטער געוואויר געוואָרען) איז אַ שכנ"ס אַ מיידעל, און איהר חתונה איז געווען די ערשטע חתונה אין סעוויל זינט מען האָט די יודען פערטריבען פון שפּאַניען.

אין דער טהיר בעווייזט זיך אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנד, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ אַלקעריל. און דער אַלטער בעווייזט מיר מיט שטאָלץ אויפ'ן קינד.

— יהודי, ברית ראשון, סעוויל. — וואָס איך האָב פערשטאַנען דערפון, אַז דאָס קינד איז דער ערשטער יוד, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין סעוויל נאָכ'ן גירוש. און ביי איהם איז געווען דער ערשטער ברית.

די מוטער איז שטאָלץ אויפ'ן קינד און ווייזט מיר אויף אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מאַראָקאַנישען רב, וואָס הענגט אויף דער וואַנד, און דער אַלטער יוד ערקלערט מיר, האַלב לשון־קודש און האַלב שפּאַניש, אַז דער רב, וועמענס פאָטאָגראַפיע עס הענגט אויף דער וואַנד, האָט דאָס קינד מל געווען.

און כדי צו פערטרייבען פון מיר יעדען חשד, אַז דאָס קינד איז חלילה נישט געמלט, קומט די אַלטע יודענע צו, און איז גרייט מיר צו בעווייזען בעשיינפערליך... אַז איך זאָל זיך איבערצייגען מיט מיינע אייגענע אויגען... די יונגע פרוי ווערט פערשעמט דערביי און איך שאָקעל־צו מיט'ן קאָפּ, אַז איך גלויב, אַז דאָס קינד איז גע'מלט, נישט זעהענדיג עס אַליין מיט מיינע אייגענע אויגען.

דער אַלטער האָט עפּעס געזאָגט צו דער יונגער פרוי אין שפּאַניאָליש, און די יונגע פרוי, וועלכע, זעהט אויס, איז געווען „דער ממונה” איבער יודישקייט אין שטוב האָט מיר אַרויסגעבראַכט די מחזורים און די הגדות, וועלכע זענען געדרוקט אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל.

איך האַלט די ספרדישע מחזורים אין האַנד און בעטראַכט זיי. די ערשטע יודישע ספרים אויף שפּאַניענס באָדען, וועלכע ווערען נישט פערברענט.

אויף דער וואַנד איז געהאָנגען, ווי געזאָגט, אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מאַראָקאַנישען רב, אַ יוד מיט זעהר אַ שענעם הדרת פּנים, אָנגעטהון אין אָריענטאַלישען סטיל, ווי די ספרדישע יודען. ער איז געווען אַראָבגעקומען פון מאַראָקאָ מל צו זיין דאָס קינד, אויך אַ פאָטאָגראַפיע פון אסתר׳ן אונטער דער חופּה מיט איהר חתן אָנגעטהון אין איהר שלייער און אונטערגעשריבען „אסתר”.

איך האָב זיך געוואָלט בעקענען מיט די אַנדערע מאַראָקאַ־נישע משפּחות אין סעוויל. דער יונגערמאַן האָט מיך בעגלייט און געפיהרט צו אסתר׳ן.

אסתר וואוינט מיט איהר מוטער און דריי ברידער בחורים אַ פּאָר הייזער וויטער אין דער זעלבער גאַס. די ברידער זענען נישט געווען אין דער היים, בלויז די מאַמע אַנ׳אלמנה, אסתר אַ בילד שענע יודישע טאָכטער, מיט גרויסע אויסגעשניטענע שוואַרצע לעבעדיגע אויגען, און אַ קריסטליכער משרת, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קריסטליכען שקלאַף אין אַ יודישער שטוב פערצייטענס, געגען וועלכע די קירכע האָט אַזוי עקשנות׳דיג גע־קעמפט אַמאָל.

אסתר׳ס מוטער האָט זיך מיט מיר נאָך מעהר געפרעהט. דער קריסטליכער משרת האָט מיך אַריינגעפיהרט אין שענסטען חדר, וועלכעס איז געווען צוגעריכט אין אָריענטאַלישען סטיל מיט נידריגע בענקלעך און ווייכע דיוואַנען. מען האָט מיך מכבד געווען מיט קאַלטע געטראַנקען. און אסתר׳ס מוטער האָט אין איהר שפּראַך, וואָס איך האָב נישט פערשטאַנען, געפּרובט מיר צו דערצעהלען איהר גאַנצען יחוס, געוויזען מיר די משפחה, דעם פאָטערס און

מוטערס פאָטאָגראַפיעס אין גרויסען פאָרמאַט, וואָס זענען געהאָנגען אויף דער וואַנד. די פאָטאָגראַפיעס האָבען פאָרגעשטעלט אַן אַלטען יוד אין מאַראָקאַנישען טראַכט און אויך אַ יודישע פרוי אין דעם זעלבען טראַכט. אויף דער זעלבער וואַנד, צווישען בילדער פון אָקסען-קעמפער (וועלכע, ווי איך האָב פערשטאַנען, געהערען צו די דריי-איהן, וואָס זענען נישטאָ אין דער היים) איז אויך געהאָנגען דאָס בילד פון זעלבען מאַראָקאַנישען רב, וואָס איך האָב געפונען אין דער ערשטער יודישער שטוב, נור אין אַ פיעל גרעסערן פאָרמאַט. און אויך אסתר׳ס בילד אין חופה-קלייד מיט׳ן שלייער, אונטערגעשריבען „אסתר". די יודענע האָט מיר עפּעס דערצעהלט וועגען די בילדער, וואָס איך האָב נישט געקאָנט פערשטעהן בוכשטעבליך. נור איך האָב אַרויסגעדרונגען פון איהרע רייד דאָס זעלבע ווי אין דער ערשטער יודישער שטוב, אַז זיי זענען גוטע יודען, און היטען אָב דאָס יודישקייט. זי האָט מיר אפילו אָנגעוויזען אויף אַ „יאָהר-צייט"-צעטעל מיט פאָטאָגראַפיעס פון צוויי מצבות, וועלכע זי האָט אין מאַראָקאָ, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנד, צווישען דעם בילד פון אָקסען-קעמפער מיט דעם מאַראָקאַנישען רב.

דערביי האָט דער קריסטליכער משרת געשפּילט אַ מאָדנע ראָלע. ער האָט עפּעס ווי מיטגעהאָלפען אסתר׳ס מוטער איבערצייגען מיך אין זייער גוט יודישקייט. יעדעס מאָל ווען די יודענע האָט דערצעהלט וועגען אסתר׳ס חתונה (דאָס, האָב איך פערשטאַנען, איז געוועזען דער הויפּט-מאָטיוו פון איהר געשפּרעך) איז ער אַרויפגעקראָכען אויף דער וואַנד און אַראָבגענומען דאָס בילד פון רב, און מיט שטאָלץ געוויזען מיר די פאָטאָגראַפיע פון רב, און געוויזען אויף אסתר׳ן אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן רב, ווי ער וואָלט מיך אויך געוואָלט איבערצייגען, אַז זיי זענען „גוטע יודען", און זיי היטען אָב דאָס יודישקייט. און, אַז מיר האָבען דערמאָנט דאָס וואָרט שבת, איז דער קריסטליכער משרת אַרויפגעקראָכען אויף אַ שטוהל און פון אַ שאַנק אַראָבגענומען אַ סידור און געוויזען מיר מיט שטאָלץ. פונקט אַזוי ווי דאָס ווייבעל אין דער ערשטער שטוב, איז ער אין דער געוועזען דער „ממונה" אויף יודישקייט. איך האָב ערשט פער-

שטאַנען פאַרוואָס די קירכע האָט אַזוי געגוואַלדעוועט געגען די קריסטליכע שקלאַפען אין די יודישע שטובען...

אסתר מיט איהר שענעם פנים, מיט איהרע גרויסע אויגען און קליינעם פרישען מויל איז געזעסען אין אַ ווינקעל און האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט נור געלאָזט רוהען איהר בליק אויף מיר, און דאָס איז מיר גענוג געווען. איהר בליק האָט מיך געוואַרימט ווי די ליכט פון די זון. און איהרע שענע גרויסע אָפענע אויגען האָבען מיך מעהר איבערצייגט אין דער טיפער יודישקייט וואָס הערשט אין דער שטוב, איידער דער קריסטליכער משרת. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ שטאָלצע יודישע טאָכטער פון אַלטען שפּאַניען.

אין דער דריטער שטוב ביים נגיד האָב איך נישט געהאַט אַזאַ וואַרימע אויפנאַהמע. דער „נגיד" האָט אַ קליין פאַבריקעל פון צוקערקעס און „קאַרמעלקעס". איך האָב איהם געפונען ביי דער אַרבייט, און, אַז איך האָב איהם געפרעגט אויף זיין אָבשטאַם, אויב ער איז אויך אַ מאַראַקאַנישער איד, האָט ער מיר אָבגעענטפערט, כמעט אין דעם זעלבען טאָן פון אַ פוילישען „משה'ס גלויבען", ווען מען פרעגט איהם, אויב ער קומט פון דער גענשא גאַס.

נא, נא, שפאַניאָל, סעווילאַנא.

דער ערשטער שפאַנישער אַסימילאַטאָר. — פּאַרט אַ נגיד!

און לאָזט מיך אייך זאָגען: עס איז גאָרנישט אַזאַ לייכטע זאַך, אַפילו אין היינטיגען טאָג, צו זיין אין שפּאַניען אַ יוד. איך האָב באַוואונדערט דעם מוט פון די פּאָר יודישע משפחות אַריינצוּרייסען זיך אין אַ פרעמדע פיינדליכע וועלט און צו לעבען אין איהר זייער אייגען אָבגעזונדערט לעבען; צו שטעהן איינע אַליין אין אַ הויף, אין וועלכען מען פראַוועט מיט גרויס פּאָמפּע אַ קירכען יום-טוב — און צו וואַשען וועש אין מיטען יום-טוב. אָבגעריסען פון דער יודישער וועלט, אָהן אַ גייסטיגען פיהרער, ווי איינזאַמע פלאַנצונגען אין אַ שטורמדיגען מדבר שטעהען זיי, די פּאָר יודישע מאַראָקאַנישע משפחות אין קאַטוילישען סעוויל, און מיט יודישע עקשנות האַלטען זיי אויף זייער אָרעמע ביסעל יודישקייט...

עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז שפּאַניען האָט זיך מיט עפּעס געענדערט בנוגע צו יודען פון דער צייט פון יודישען גירוש. די

אַלע „חרטה"־ידיעות וועגען יודען, וואָס בעווייזען זיך אין שפּאַניען'ס נאָמען פון צייט צו צייט אין די יודישע צייטונגען, האָבען לחלוטין קיין גרונד נישט. שפּאַניען איז נאָך ביז היינטיגען טאָג דאָס פינסטערסטע פאַנאַטישסטע קאַטוילישע ווינקעל אויף גאָטס ערד. אין איצטיגען מאָמענט הערשט אין לאַנד אַ שוואַרצע מיליטערישע רעאַקציע אָהן יעדען סימן פון אַ קאָנסטיטוציע. אַמבעסטען האָט אויסגעדריקט דעם גייסט פון היינטיגען שפּאַניען נישט קיין אַנדערער ווי דער שפּאַנישער קעניגג אַלפאָנס אַליין. אין אַן אַדרעס (וואָס האָט אַגב אָנגעשריבען פאַר איהם אַ יעזואיטישער גלח) פערזיכערט דער קעניג דעם פויפּסט, ליגענדיג צו זיינע פיס ווי יעדער שטערבליכער קאַטאָליק (פאָריגעס יאָהר ביים זיין אין רוים), אַז „ער אָנערקענט פאַר שפּאַנישע בירגער נור קאַטויליש־גלויבענדיגע. קיין אַנדערע האָבען קיין פּלאַץ נישט אין שפּאַניע". „אַז די מלחמה, וואָס שפּאַניען פיהרט מיט די אַראַבישע שבטים אין מאַראָקאָ, איז די אַלטע מלחמה צו פערפלאַנצען דעם צלם און די קאַטוילישע אמונה מיט שווערד און פייער צווישען די מוסולמענער. (זעה בלאַסקאָ איבאַניעס'עס בוך איבער דעם שפּאַנישען קעניג אַלפאָנס). די שפּאַנישע בעפעלקערונג, איבערהויפּט אין דרום, ווייט פון דעם אינדוסטריעלען צענטער, איז אַזוי פינסטער, פאַנאַטיש און רעליגיעז־בלינד אפשר אַזוי ווי זי איז געווען אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע. דער שוואַרצער מאַנטעל פון יעזואיטישען גלח ליגט ברייט אויסגעשפּרייט איבער דער נשמה פון שפּאַנישען פאָלק. אין אַזאַ שטאָט ווי סעוויל, און צווישען אַזאַ בעפעלקערונג חי די סעווילער, נעהמען זיך צוריק איינפלאַנצען די יודישע אמונה — דערויף בעדאַרף מען ווירקליך געהערען צו דעם „עם קשה־עורף"...

נאָך דעם זעלבען טאָג איז מיר אויסגעקומען צו זעהן אַ בילד וועלכעס האָט מיר געגעבען אַ קליינעם בעגריף פון יענעם שפּאַניען פון דעם פינסטערען מיטעלאַלטער.

איך בין געגאַנגען אין דער קאַטעדראַל. די קאַטעדראַל פון סעוויל איז בעריהמט אין דער וועלט פאַר איינע פון די גרעסטע און וואונדערבאַרסטע קירכען. מען קען זיך נישט פאָרשטעלען

איהר גרויס. זי זעהט פאַקטיש אויס ווי אַ שטאָדט אַ גאַנצע, מיט גאַסען און מערק. פינסטער ווי אין אַ שוואַרצער נאַכט. קליינע, קוים זעהבאַרע, מיט פערשידען-פאַרביגען גלאָז בעגלאָזטע פענסטער לאָזען נור אַריין קאַרגע שטראַהלען פון דער זון דורך אַ זיפּ פון טיעף-בלאָהען און טיעף-רויטען ליכט, וואָס בעלייכט דאָ און דאָרט אַ פלעק, אַ געזיכט פון אַ היילינען, אַ הענגענדיגען מלאך, אָדער בילדעס אַ בלוט-פלעק אויף אַ ווייס-שיינענדיגען קערפּער פון אַ מענש. אין דער קירך איז אַזוי פינסטער, אַז איהר זעהט נישט ווי איהר שטויסט זיך אָן אין די מעכטיגע, ריעזיגע זיילען, וועלכע זעגען אַזוי דיק ווי גאַנצע געביידעס און אויף וועלכע די קירכע הענגט. און צווישען די זיילען אויף אַ קליינער טריבונע, וואָס הענגט דאַכט זיך ווי אַ קאָרב, שטעהט אַ גלח און פּרעדיגט. מענשען אין די טויזענדער, אין די צעהן-טויזענדער, ווי שוואַרצע, ריהרעוודיגע ווערים, ליגען טיעף מיט די פּנים׳ער איינגעגראָבען אין באָדען און איבער זייערע רוקענס ווערען זיי געשמיסען, ווי מיט הייסע, בלוטיגע ריטער, מיט שטראָף-רייד פון דער טריבונע אַראָב. איהר זעהט גאָרנישט פון די שוואַרצע זיילען אַרויס, נאָר שטראַהלענדיגע אויגען און אַ געזיכט פון אַ ווייס קלייד אַרויס, און איהר הערט גאָרנישט נאָר אַ מעטאַלענע שאַרפע שטימע, וועלכע שלאָגט ווי דאָס קלימפּערען פון אַ גלאָק, און איז אַדורכגעווייקט מיט טרעהרען. איהר זעהט, אַז די גאַנצע צעהן-טויזענד קעפּיגע מאַסע איז ביי איהם אין די הענד ווי ליים, אַז ער וויל — הויבט ער זי אויף אין אַ שטורם און פיהרט זי אַרויס פאַר זיין גאָט נקמה צו נעהמען, און עס דאַכט זיך אייך, אַז דער פאַנאַטישער גלח פון פיערצעהנטען יאָהרהונדערט פעראַנד מאַרטינעץ איז פון זיין קבר אויפגעשטאַנען און פיהרט אָן די קריסטליכע בעפעלקערונג, אונטערגעצונדען מיט זיינע פאַנאַטישע פּרעדיקטען, געגען די סעווילער יודען. אָדער דער גלח פּערער מיט אַ ספר-תורה אין איין האַנד און מיט אַ קרייץ אין דער צווייטער אין דער שפּיץ פון אַ אויפגערעגטען המון — לאָזט זיך אין יודישען קוואַרטאַל.

אין אַ פערטעל שעה אַרום האָט די גאַנצע מאַסע שוואַרץ-קעפּיגע פרויען און ווייס-בעקליידעטע מענער אַרומגערינגעלט דעם

הויפט-אלטאר פאר דער הייליגער מוטער מיט'ן קינד אין דער האנד.

עס האָט געשפּיעלט אַ וואונדערבארער אָרקעסטער און יונגע לעך, אָנגעטהון ווי פּאזשען אין אַ מיטעלאַלטערישען הויף, האָבען פאר דער קעניגין, דער הייליגער מוטער, אויסגעפיהרט ריטמישע טענץ, כדי צו דערפרעהען דאָס קינד אין איהרע הענד...

דאָס זענען די בעריהמטע טענץ פאר'ן הייליגען בילד אין דער קאַטעדראַל פון סעוויל, וועלכע שטאַמען נאָך פון מיטעלאַלטער, וואָס מען קומט פון דער גאַנצער וועלט אָנקוקען. די גלחים מיט די ביסקופען קניען פאר'ן בילד, און די יונגלעך אָנגעטהון ווי פּאַזשען פיהרען אויס פאר איהר, ווי פאר אַ לעבעדיגער פערזאָן, פערשיעדענע פאָלקס-טענץ, כדי צו דערפרעהען דאָס קינד אין איהרע הענד:

און געגענאיבער דעם גרויסען אַלטאר ליגען אין אַ שווערען מאַסיווען בראָנזענעם אָרון, געטראָגען אויף די אַקסלען פון פיער שפּאַנישע מיטעלאַלטערישע אַדמיראַלען, די ביינער פון דעם, וואָס האָט אפשר מעהר פון יעדען אַנדערען לעבעדיגען מענש, געהאָלפען אונטערצושניידען די שנורען וואָס האָבען געהאַלטען די וועלט אָנגעבונדען ביים נאָפּעל פון מיטעל-אַלטער — די ביינער פון גרויסען קלומבוס:

אַ שוידער נעהמט אייך אַרום, ווען איהר שטעהט נאָהנט בּיי זיין אָרון. אינעווייניג ליגען זיינע ביינער. צי ליגען נאָך אין אָרון די קייטען, מיט וועלכע זיינע הענד זענען געווען געבונדען און וועלכע ער האָט זיך געהייסען מיטגעבען אין קבר אריין?

דאָ אין דער שטאָדט, האָט ער איינגעצויגען מיט זיין צוג, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל געפיהרט קיין אייראָפּא דאָס גאָלד פון אַמעריקא. די גאַסען פון סעוויל האָבען געזעהן זיין צוג, וועלכער האָט געהאַט ברוין-הויטיגע אינדיאַנער מיט פעדערען די קעפּ בעפּוצט. דער גרעסטער ספּעקטאַקל, וואָס די וועלט האָט אַמאָל געזעהען — קאָלומבוס קומט צוריק פון אַמעריקא — האָבען געזעהען די סעווילער גאַסען. יעדער מענש קען די געשיכטע, יעדער מענש געפינט זיך איינמאָל אין זיין לעבען צוזאַמען מיט קאָלומבוסן.

אויף זיין שיף — אויף וועג קיין אַמעריקא. יעדער מענש שרייט אויס צום ערשטען מאָל „ערד“ צוזאַמען מיט דעם מאַטראָז פון קאָלומבוס׳עס שיף, — יעדער מענש האָט געציטערט ווען ער האָט געלעזען אין זיין קינדהייט וועגען די קייטען, מיט וועלכע קאָלומבוס׳עס הענד זענען געבונדען געוואָרען. און דאָ ליגט ער אין אָרון, געטראָגען אויף די אַקסלען פון פיער אַדמיראַלען, אַזוי ווי ביי זיין אריינציהען קיין סעוויל — און נעבען זיינע טויטע ביינער אינוועניג אין אָרון, ליגען זיינע קייטען...

אַז איך בין אַרויסגעקומען פון דער קאַטעדראַלע איז שוין געווען נאַכט, און סעוויל האָט זיך אָנגעצונדען מיט טויזענדער פערשיעדענפאַרביגע פייערלעך פון איהרע לאַמפּיאָנען, וואָס הענגען איבער די טהירען פון די שענקען, רעסטאָראַנען, גערטנער, פערוויילונגס־הייזער, אָנגעצונדען זיך אין די טויזענדער פערשיעדענפאַרביגע קאָלירען און פאַרבען, וואָס האָבען געפלאַקערט פון די שפּאַנישע שאַלען אַראָב איבער די איידעלע אויסגעשליפענע רוקענס פון די סעווילער טעכטער. אָנגעצונדען זיך אין טויזענדער בליקען וואָס האָבען געדרונגען אין דיין לייב אַריין פון הינטער די פערהענגטע מאַנטלען, אָנגעצונדען זיך אין פר׳כשופ׳טע פלאַמען וואָס האָבען געלויערט פון גרויסע שוואַרצע בעאיילטע אויגען...

קאָרדאָווא.

אויף אַ שיף שווימען פיער שליחים, געשיקטע פון בבל, פון דער גרויסער ישיבה פון פומפדיתא, צו זאמלען געלד פאַר דער ישיבה. זיי זענען געפאַנגען געוואָרען פון ים־רויבער און פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען. איינער פון זיי, ר׳ משה, איז געבראַכט געוואָרען קיין קאָרדאָווא. די יודען פון קאָרדאָווא האָבען איהם אויסגעלייזט. אַ לאַנגע צייט האָט זיך דער „שקלאַף“ ארומגעדרעהט אין שטאָדט און קיינער האָט נישט געוואוסט ווער ער איז. ערשט אַמאָל אין בית־המדרש פון קאָרדאָווא האָט ער אַרויסגעוויזען זיין גרויס לומדות, די יודען האָבען איהם אויפגענומען פאַר אַ רב און ער האָט געגרינדעט די ישיבה פון קאָרדאָווא.

און דאָס איז געווען אין די צייטען, ווען בבל האָט אָנגעהויבען צו פאַלען. און ר׳ משה בן חנוך האָט אַריבערגעטראָגען די גייסטיגע הערשאַפט פון די יודען פון אַזיען קיין אייראָפּאַ.

פון דענסטמאָל הויבט עס זיך אָן און ציהט זיך ביז׳ן היינטיגען טאָג.

קאָרדאָווא, פונקט זוי ירושלים, איז אַ שטאָדט פון זילבערנע ווייסע בעשטויבטע גאַסען, ווייסע קאַלך־הייזער. ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער שטאָדט אַריין, זענען מיינע אויגען פערבלענדעט געוואָרען פון דעם בלישצענדיגען ווייסען שיין, וואָס האָט געלויכטען ווי ווייסע פלאַם־פייערען, פון דעם זילבער־גליהעניגען הימעל, פון דער זילבער־אָבגעקיהלטער ערד. די ווייסע קאַלך־הייזער האָבען געפלאַקערט געגען דער ברענענדיגער זון, פון די גאַסען האָט זיך אויפגעהויבען אַ ברענענדיגער זילבער־שטויב און

איך האָב נישט געוואוסט וואו צו בעהאַלטען זיך פון די ברענענדיגע זילבער-צונגען, וואָס האָבען געלעקט מיין לייב, פון דער פלאַקערדיגער זון אין די מיטאָג-שעה'ן. ביז איך האָב מיך ענדליך אָבגעראַטעוועט (ווי אַזוי פיעל פון מיינע קאָלעגען, פּאָעטען, פאַר מיר) אין די שטילע שאָטענס פון די אָראַנזשען-בוימער, וואָס וואַקסען אין הויף פון דער גרויסער מאָשעע ביי די פינף-קוואַלענדיגע ברונעמס.

אין דעם טויזענד-יעהריגען שאָטען פון די אָראַנזשען-בוימער, אין הויף פון דער גרויסער מאָשעע, אין קאַליפאַט קאָרדאָווא האָב איך געפונען רוה פאַר מיין גוף און קוואַלענדיגע שענקייט פאַר מיין נשמה. דער אַנגענעהמער ווינד, וואָס האָט געטראָגען אין זיינע פאַלדען דעם ריח פון אָראַנזשען-בליהעכטס (וואָס האָט אַזוי פיעל פּאָעטען פאַר מיר געקיהלט די שטערענס) האָט אויך געבלאָזען מיט ווייערויך פאַר מיינע האָר. די שאָטענס פון די בוימער האָבען מיך ווי אַנ'אַלטען בעקאַנטען, ווי אַנ'אייגענעם, אַריינגענומען אין זייער שויס אַריין. און איך האָב געטרונקען פון די פרישע וואַסערען פון די פינף-קוועלענדיגע ברונעמס, פון וועלכע אַזוי פיעל פּאָעטען האָבען געשעפט דערקוויקונג פון זיי פאַר מיר.

און איך האָב זיך געפיהלט ווי אַ היימישער. יעדעס פערבאָרגענע שטעגעל אין דעם אָראַנזשען-גאָרטען איז מיר געווען בעקאַנט. האָבען דען נישט אין דעם גאָרטען גערוהט ר' יהודה הלוי און שלמה אבן גבירול פאַר מיר? האָבען זיי דען נישט זייערע העברעאישע און אַראַבישע שירים פאָרגעלייענט פריש פון פאַרמעט אַרונטער, אויף וועלכען עס האָט נאָך געצאַפּעלט די לעבעדיגע נשמה — פאַר זייערע חברים, די אַראַבישע דיכטער? און איז דען נישט צווישען די שטעגען און וועגען פון די קליינע אָראַנזשען-בוימלעך אַרומגעלאָפען דער קליינער רמב"ם? דאָרט אונטער יענעם בוים איז געלעגען אַ גרופּע פון אַראַבישע חכמים און האָבען מיט שטילער ערנסטקייט גערעדט וועגען תכלית פון דער וועלט. אָט דער אַלטער מיט דער ווייסער באָרד דערצעהלט זיינע חברים וועגען דער קלוגשאַפט פון די גריכישע חכמים, פון אַ אַריסטאָטעל, אַ פּלאַטאָ, וואָס ער האָט געפונען אין אַ גריכישען מאַגוס-

קריפּט, און ער זעצט־איבער זײערע פילאָזאָפישע רײד אין דער אַראַבישער שפּראַך פאַר דער ביבליאָטעק פון קאַליף. אָבגערוקט אין אַ זײט פון די חכמים, אויף אַ געװיסער דרך־ארץ׳דיגער װײט־קײט ליעגט אַ שװאַרץ יודיש יונגעל, זײנע אונרוהיגע פינקעלדיגע אויגען בלישצען מיט פײער, צוהערענדיג זיך צו די רײד פון די אַראַבישע חכמים, זײנע געדיכטע האָר קרײזלען זיך אין לאָקען אַרויס פון אונטער זײן װײסען טוך און ער חזר׳ט־אײן אין זיך די װערטער פון אַראַבישען חכם — דאָס יונגעל איז געװען דער קלײנער רמב״ם.

און דאָרט, אונטער יענע בוימער, בײ׳ם ברונעם, זיצט אַ צװײטע גרופּע אַראַבער. דאָס זענען די מעדיצינער פון קאַליף. אײנער פון זײ, אַ פרעמדער אָנגעקומענער פון דמשק, בעװײזט פאַר זײנע חברים אַזעלכע מינים קרײטעכצער און גראָזען, װאָס קאָנען הײלען חולה־נופל׳ס, װאָס מען האָט אויסגעפונען אין דער אוניװערזיטעט אין דמשק. דער אַנדערער צײכענט־אָן מיט אַ גלי־הענדיגען נאָגעל אויף פּאַרמעט די פאָרם פון די מענשליכע גלידער, אויף װעלכען אָרט עס ליעגט די לעבער, און אויף װעלכען אָרט עס ליעגט די מילץ, און אויף װעלכען אָרט עס בעהאַלט זיך דער געהײמניספולער אָדער אין מענשליכען קערפּער, װעלכער רופט זיך „סימפּאַטיע״ און װאָס אין איהם האַלט זיך אויף די געטליכע נשמה... אויסגעשטרעקט אויף זײן גאַנצען קערפּער, דעם קאָפּ אונטערגע־לעהנט אויף זײנע צװײ דינע הענד, ליעגט יהודה הלוי, װעלכער איז אַריבערגעקומען דאָ אַהער, פון דעם ברונעם, בײ װעלכען עס גרופּירען זיך די פּאָעטען, צו דעם ברונעם פון די מעדיצינער, און הערט זיך אײן צו די רײד פון די חכמים. פון טאָלעדאָ זײן געבורטסשטאָדט איז ער געקומען קײן קאָרדאָװאַ צו לערנען די חכמה פון מעדיצין בײ די חכמים פון קאַליף. עס װאונדערען זיך די מעדיצינער מיט די אַלטע אײנגעשרומפּטע פּנים׳ער, װאָס טהוט אין מיטען צװישען זײ דער יודישער דיכטער יהודה הלוי, און פרעגען איהם: „יהודה, פאַר װאָס טהוסט דו נישט װי דײן לאַנדס־מאַן, דער דיכטער אברהם אבן עזרא. פרײ װי אַ פויגעל װאַרפט ער די אַבאַיאַ איבער זײן רוקען און לאָזט זיך אין דער װעלט



די רמב"ם־גאס אין קארדאווא (דארט איז דער רמב"ם געבוירן געווארן). די גאס טראגט זיין נאמען ביזן היינטיקן טאג.

אַריין. דאָרט וואו ער טאָגט, דאָרט נעכטיגט ער נישט. דאָס איז דער וועג פון אַ דיכטער. וואָס טהוסט דו דאָ צווישען אונז? האָסט דו נישט מורא, אַז דיין יונגע פרישע האַרפּע, וואָס איז געוועהנט צו שפּיעלען וועגען שענקייט, ליעבע, וויין און מוזיק, זאָל נישט פערביטערט און פערעלטערט ווערען מיט די ביטערע טראָפּען פון אונזער מעדיצין?" און דער בעשיידענער יהודה הלוי ענטפערט זיי: "מיינע לעהרער און מיינע פעטער, כדי איך זאָל אַ גוטער דיכטער זיין, מוז איך לערנען די מלאכה פון מעדיצין, — זי זאָל מיין קערפּער שפּייזען, כדי מיין שירה זאָל עס נישט בעדאַרפען טהון"

און באַלד הויבען זיך אַלע אויף פון זייערע ערטער, די פּאָעטע, ווי די געלערנטע, די פילאָזאָפען און די מאַטעמאַטיקער, יעדע גרופּע פון איהר ברונעם, און בויגען זייערע קלוגע קעפּ מיט ווירדע. איבער דעם הויף, צווישען די אָראַנזשען־בוימער, געהט־אַדורך דער יודישער מיג. חסדאי, איינגעהילט אין זיין גאָלדענע אַבּאַיאַ. וועלכע שפּריצט מיט שטראַהלען פון דעד זון, ער פיהרט־אָן אַ דעפּוטאַציע פון פרעמדע אַמבאַסאַדאָרען, וועלכע זענען געקומען מיט מס און מתנות צום גרויסען קאַליף פון קאָרדאָווא, אַבדוראַהמאַן. די אַראַבּישע געלערנטע און דיכטער בויגען דעם קאָפּ פאַר איהם, און די יודישע דיכטער בעגעגענען איהם מיט אַ געדיכט, וואָס זיי האָבען פאַר זיין כבוד וועגען פערפאַסט. וואָרום פונקט אַזוי ווי דער קאַליף — זיינע, אַזוי האַלט דער יודישער מיניסטער אויס די יודישע געלערנטע און יודישע דיכטער. פון זיין טיש אַראָב עסען זיי, אין זיין הויז וואוינען זיי, אונטער זיין דאַך האַלטען זיי זיך אויף. אָבער עס הערט נישט דער יודישער מיניסטער דאָס געזאַנג פון געדיכט, וואָס איז פאַר זיין כבוד וועגען געשאַפען געוואָרען, ער ענטפערט נישט אָב אויף דעם בויג פון די אַראַבּישע חכמים. דער יודישער מיניסטער איז פערטיעפט אין אַ געשפּרעך מיט דעם געזאַנדטען, וואָס קומט פון ביזאַנטיען. איינבויגענדיג זיך צו דעם אויער פון דעם פרעמדען אַמבאַסאַדאָר, וואָס קומט פון ווייטע לענדער, פרעגט איהם דער יודישער מיניסטער אין שטילער פערטרויערטקייט:

— האָט איהר נישט געהערט? האָט איהר נישט געזעהען? פון די מקומות, פון וואַנען איהר קומט, ביי די גרענעצען פון

איירע לענדער, דאָרט אויף יענער זייט, טיעף אין די סלאַווישע סטעפּעס, וואוינט אַ שבט אַ שטאַרקער, אַ שבט אַ מעכטיגער, פאַר וועלכען די שכנים ציטערן. און אַ וואונדערבאַרער שבט איז דאָס — נישט ער דיענט צום קרייץ. אויך נישט צו מחמד, נאָר צום לעבעדיגען יודישען גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב, האָט איהר נישט געהערט? האָט איהר נישט געזעהן?

— אָ דאָס כוזר׳שע רייך מיינט איהר, עקסעלענץ? אַ ווילדער שבט און אַ מעכטיגער, נישט גוט צו האָבען צו טהון מיט איהם. ביי די ברעגען פון קאַספּישען ים וואוינט ער און ווילד און פרעמד זענען זיי, ווי די ברויזענדע כוואַלעס פון דעם אונרוהיגען ים, ביי וועלכען זיי זיצען.

— ווי אַזוי קומט מען אַהין צו זיי?

— שווער דער וועג, ווייט דער וועג — איבער די פינ־סטערע וועלדער פון די סלאַווישע לענדער.

און דער יודישער מיניסטער האָט געשוויגען. פערזונקען אין געדאַנקען, געהענדיג ביי דער זייט פון דעם פרעמדען רייך־בעפוּצטען ביזאַנטישען שליח — האָט חסדאי גערעדט צו זיך.

„אָ, ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז אונזער פאָלק האָט אַ איי־גענע מלוכה אויף דער וועלט. איך וואָלט פערלאָזט, קאַליף, ווייב און קינד, וואָלט געגאַנגען איבער בערג און טאָל, איבער ימים און יבשה — ביז איך וואָלט געקומען צו מיין הער קעניג, דעם יודישען מלך, און וואָלט געזעהן, ווי עס לעבט רוהיג דער רעשט פון ישראל, וואָלט אויסגעגאָסן מיין נשמה אין אַ לויב־געזאַנג צוגאָט".

היינט איז דער הויף פון דער גרויסער מאָשעע אין קאָר־דאָווא אינגאַנצען געענדערט. עס שטעהען נאָך אין איהם, ווי איינ־ציגע רעשטען, אַ פּאָר אָראַנזשען־בוימער, וואָס דערמאָהנען די אַ,טע גוטע צייטען. עס פליסען נאָך אין איהם די פינף ברונעמס. נאָר געלערנטע און פּאָעטען זאַמלען זיך שוין נישט אַרום זיי. זייערע וואַסערען הערען נישט מעהר די קלוגע רייד פון חכמים און די געטליכע — פון פּאָעטען. זיי הערען נאָר דאָס שילטען און זידלען פון די קאָרדאָווער וואַסער־טרעגער, וועלכע שעפּען דאָרט וואַסער פאַר דער קאָרדאָווער בעפעלקערונג. און עס מוזען זיך

וואונדערן די קלאָרע דורכזיכטיגע קוואַלען: ווער מוגטעט אונ־זערע וואַסערען אַזוי שאַרף? וואו זענען די חכמים אַהינגעקומען, וואָס האָבען אונז געקוויקט מיט זייער חכמה? און עס בעווייזען זיך שוין נישט מעהר דורך דעם הויף יודישע מיניסטאָרען אין גאָלדענע אַבאַיאַס געהילט, פיהרענדיג רייך־געקליידעטע פרעמד־אָריענטאַלישע שליחים, געשיקט פון ביזאַנטיען און אַנדערע פרעמ־דע לענדער מיט מס און מתנות צום גרויסען קאַליף אַבדו־ראַחמאַן. אָנשטאָט די גאָלדענע קליידער פון די ביזאַנטישע שליחים בעווייזען זיך יעצט אין הויף פון דער גרויסער מאָשעע אָבגעריסענע באָרפיסע אייזעל־טרייבער, אָדער מיט שווערער לאַסט בעלאָדענע טרעגער, וואָס פערקירצען זיך דעם וועג פון גאַס צו גאַס איבער דעם הויף פון דער מאָשעע. אָבער אַממעהרסטען הילט־איין דעם הויף, ווי געזאָגט, דאָס געשריי און דאָס שעלטען פון די קאָרדאָ־ווער וואַסער־טרעגער.

איינס איז נאָך איבערגעבליבען פון יענער גרויסער צייט — די מאָשעע.

„אַלאַ איז גאָט און מחמד זיין נביא" — מיט דעם מלחמה־געשריי האָבען זיי זיך געלאָזט ווי אַ ברויזענדער ים מיט אויפגע־שוואָלענע שטורם־טראָגענדיגע כוואַליעס פון די אַראַבישע מדבריות, איבער אַזיען, אַפריקא צו די וועגען פון אייראָפּא. אַזוי ווי אַ איי־גלעטשער, וואָס געהט אַדורך די ערד, פאַרמט די אויבערפלאַך פון דער ערד, אויסרייסענדיג בערג אין אויסגלייכענדיג טאָלען — אַזוי האָבען זיי מיט שווערד און פייער אויסגעבערענט יעדע אַנדערע רעליגיע, צושטערט יעדען אַנדערן טעמפעל פון אַן׳אַנדערען גאָט און אַוועקגעפיהרט זייגע זיילען קיין קאָרדאָווא צו בויען אַ מאָ־שעע פאַר „אַלאַ און מחמד זיין נביא". העכער צוויי טויזענד טעמפלען האָבען געמוזט אַוועקגעבען פרעמדע געטער צו בויען די מאָשעע פאַר אַלאַ. יעדער קאַליף האָט זי פערגרעסערט, פערברייטערט און צוגעבויט די זיילען פון די טעמפלען, וואָס ער האָט צושטערט. עס געפינען זיך אין דער מאָשעע זיילען פון ערשטע קריסטליכע קירכען, קירכען פון די וועסט־גאָטען, פון די ביזאַנטי־נער, זיילען פון אַלטע שוהלען פון אַראַביען, וואָס זיי האָבען צו

שטערט; זיילען פון די טעמפלען פון אפאללא, ווענוס און באקכוס, זיילען פון די זונען-געטער און אנדערע ווילדע זיילען פון ווילדע טעמפלען אויפגעשטעלט פון ווילדע פעלקער פאר ווילדע געטער. אלע די זיילען פון די אלע געטער און טעמפלען האבען געמוזט בויגען זייערע קעפ און רוקענס צו טראגען אויף זיך דאס געוועלב פון דער גרעסטער מאשעע, וואס דער קאליף פון קארדאווא האט אויפגעשטעלט, כדי צו בעווייזען זיין אבהענגיגקייט פון קאליף פון באגדאד. די זיילען זענען אויסגעשטעלט געווארען אין ריטמישע ליניען, דריי און דריי, טראגענדיג רויט-קרעלענדיגע געוועלבען אויף זיך. ווי איהר שטעהט אין דער מאשעע זעהט איהר ווייטע אלעען פון זיילען, וואס ציהען זיך פון איין עק צום אנדערען. עס דאכט זיך אייך, אז איהר זענט געפאנגען אין א וואלד פון זיילען, און איהר בלאנדזשעט פון איין אלעע צו דער אנדערער נישט ארויסצוקומען... פערשידענפארביג און פערשידענפארמיג זע. נען די זיילען. טייל טראגען נאך אויף זיך די שפורען פון די טעמפלען, פון וועלכע זיי שטאמען, מיסטישע אונלעזבארע צייכענס. אנדערע זענען רויט ווי קרעלען. נור איין זייל געפינט זיך דארט איז ער שווארץ ווי די נאכט. ער מוז שטאמען פון א כשופ'דיגען טעמפעל, און די, וועלכע שטעהען נעבען איהם, ווערען נאך אנ-געריהרט פון דעם כשוף, וואס דער זייל האט מיטגעבראכט פון דעם טעמפעל, פון וואנען ער קומט...

ביי די זיילען האבען די אראבער אנגעבונדען די חשוב'סטע קריסטליכע געפאנגענע, וואס זיי האבען גענומען אין דער מלחמה. געבונדען צו די זיילען פאר אלא'ס לויב. איינער אזא קריסטליכער געפאנגענער האט אין געהיים אין דעם זייל, ביי וועלכען ער איז געווען צוגעבונדען, אויסגעקריצט א צלם — האלטען די היינטיגע קריסטען דעם זייל פאר הייליג און אלטע מוידען פאר א סגולה א מאן צו קריגען. אלע אלטע מוידען פון קארדאווא קומען צו דעם זייל בעטען. און פאר א קרבן לאזען זיי זיך די האר אבשניידען און די צעפ אנהענגען אויף די נאגלען פון דעם זייל.

אזוי שטעהען זיי די צוויי טויזענד זיילען פון פערשידענע טעמפלען צוזאמענגעשלעפט און האבען זינט הונדערטער און הונ-



די באַרימטע מאָשעע אין קאָרדאָווע

דערטער יאָהרען צוגעהערט זיך צום ליוב פון „אללאָ און מחמד זיין נביא". היינט הערען זיי ליוב און געזאַנג צו אַנ'אַנדערען גאָט. אין מיטען דער מאָשעע שטעהט אַ גרויסער אַלטאַר. איבער איהם הענגט אַ געקרייצטער מענש, און אויף אַ טיש בעדעקט מיט גע-שטיקטע שפיצען און רויזען, בעלויכטען מיט גרויסע ליכט, שטעהט אַ געשטאַלט פון אַ פרוי מיט אַ קינד אין דער האַנד, אַ גאַנצען טאָג ליגען אויף די פּנים'ער גלחים פאַר'ן בילד און זינגען ליוב. בעזאַנגען פאַר דעם אַלטאַר אין דער לאַטיינישער שפּראַך, און דער ווייהרויך, וואָס געהט-אויף פון זייערע געווירצען-לאָמפען, פערהילט ווי אין אַ נעבעל אַלע זיילען פון די פרעמדע געטער...

עס דאַכט זיך צו פערנעמען די קרעכצען פון די זיילען אונטער דעם וואָלקען פון ווייהרויך. דאָס דערמאָהנען זיי זיך זייערע אייגענע טעמפּלען...

ווען די שפּאַניער האָבען אין יאָהר 1315 אוועקגענומען קאָרדאָווא פון די אַראַבער, האָבען זיי די מאָשעע פערוואַנדעלט אין אַ קירכע. די שוהל אָבער, וואָס חסדאי אבן שפּרוט האָט גע-לאָזט בויען דורך דעם וואונדערבאַרען מייסטער יצחק בן מנשה אפרים, וואָס איהר פּראַכט ווערט בעזונגען סיי פון יודישע סיי פון אַראַבישע דיכטער, האָבען זיי צושטערט און נישט איבערגעלאָזט קיין שפּור פון איהר. דאָך געפינט זיך אין קאָרדאָווא אַ שוהל, גע-בויט אין דעם זעלבען סטיל, און אפשר פון זעלבען מייסטער, וואָס האָט געבויט די „על-טראַנסיטאַ" אין טאָלעדאָ, וועלכע די קריסטען האָבען נאָכ'ן גירוש פערוואַנדעלט אין אַ קירך און זי אויך גערו-פען ביי דעם נאָמען „סט' מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ", ווי די טאָלעדער און סעווילער שוהל. זי געפינט זיך נישט ווייט פון דער מאָשעע אין דעם קוואַרטאַל, וואו די יודען האָבען געוואוינט, נישט ווייט פון טויער „באַבהאַ הודאַ". אין דעם דאָזיגען טויער האָבען די קאָרדאָווער יודען געהאַנדעלט אין די צייטען פון די אַראַבער מיט זיידענס און שקלאַפען... היינט רוהען אין דעם טויער די אייזעל-טרייבער מיט זייערע בעלאָדענע אייזלען, וואָס פיהרען סחורות איבער דער אַלטער רוימישער בריק, וואָס וואַרפט זיך אַדורך דעם טייך גואַדאַלקוויווער. איבער דער דאָזיגער בריק, בעגלייט פון די

בכבודיגסטע פריינד, איז יהודה הלוי אַרויסגעגאַנגען אויף זיין וועג נאָך ארץ-ישראל. וואַהרשיינליך אויך דער רמב״ם אויף זיין וועג נאָך מאַראָקאָ. די גאַסען זענען שמאָלע אין דעם קוואַרטאַל, און די הייזער אַלטע. איינע פון די גאַסען, אין וועלכע עס געפינט זיך די שוהל, טראָגט דעם נאָמען פון דעם גרעסטען יוד, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין קאָרדאָווא — „מיימאָנידעס״.

די שוהל פון קאָרדאָווא איז, פּונקט אַזוי ווי די שוהלען פון טאָלעדא, אויסגעלעדיגט געוואָרען פון פרעמדע הייליגטימער און פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ זעהענסווירדיגקייט... זי איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ שוסטער אויפצוזעהן און ער פיהרט-אויס זיין מלאכה ווען די זון שיינט אין דער שוהל און ווען די זון געהט-אונטער אין דעם שענעם גאָרטען פון דער שוהל. די שוהל אַליין איז אין זעהר אַ שלעכטען צושטאַנד, זעהר פיעל לעכער אין דאַך און די וואונדערבאַרע שטיקטורען פון די ווענד, די אָרנאַמענטען, וואָס בעקליידען פּסוקים פון תהלים, פאַלען שטיקערווייז. אַ שאָד, וואָס דער איינציגער יודישער מאָנומענט, וואָס איז איבערגעבליבען אין קאָרדאָוואָ נאָך די גרויסע יודען, ווערט אַזוי פערנאַכלעסיגט און איז פעראורטיילט צום אונטערגעהן. איך ווייס נישט וואָס מען קען דערצו העלפען. אפשר אינטערוועניר'ען אין מאַדריד ביי'ם מיניסטער פון קולטור און קונסט (אַ אויפגאַבע פאַר דער יודישער אוניווערזיטעט אין ירושלים). די אָרנאַמענטען איבער די געזימסען פון די ווענד זענען אין אַזאַ שלעכטען צושטאַנד, אַז עס איז זיי שווין אונמעגליך איבערצולעזען. אויף אַ וואַנד איז אָנגעהאָנגען אַ טאַפעל, וועלכער טראָגט אַ העברעאישע אויפשריפט. חיפיעל איך האָב זיך נישט בעמיהט צו ד'עשיפרירען דעם טאַפעל איז מיר נישט געלונגען. דאָס איינצ'גע וואָרט, וועלכעס איז איבערגעבליבען קלעבען אויף דער וואַנד און איהר קענט עס קלאָר און דייטליך אַראָבלעזען, איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער לעצטער שורה פון דעם טאַפעל און דאָס וואָרט איז — „ירושלים״. דאָס וואָרט דערמאָהנט אייך ווי אין אַ צוואה, וואָס ס'האָבען איבערגעלאָזט נאָך זיך די גרויסע יודען פון קאָרדאָווא...